STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06226

KAYN

George Gordon Byron Byron

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אײַסן
1934

לאָרד בײראָן

קין

(מיסטעריע)

יידיש ד"ר א. אייסען

והנחש היה ערום
מִכל חית השדה.
בראשית.

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

P R I N T E D I N P O L A N D

Łord Bajron — „Kain"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

לאָרד בייראָן

פערזאָנען:

אָדם קין הֶבל	מענער
מלאך פון גאָט לוציפער	גייסטער
חַוה עָדה צִלה	פרויען

ערשטער בונט געגן גאָט

(אַריינפיר)

די געפאַר פון שרייבן אין יידיש אַן אָפּהאַנדלונג אויף ביבלישע טעמעס איז — די דרשנות.

אויף דער ביבל און אַרום דער ביבל האָט מען ביי אונז אַזוי פיל אָנגעדרשנט — אַז תיכף ווי מען רירט זיך נאָר צו צו אַזאַ טעמע שפּרינגט אַרויס אַ דרשה.

ווי מיידט מען עס אויס?

איך וועל פּרובירן.

קין — איז איינע פון די ביבל־געשטאַלטן, וועלכע האָבן גע־רעגט און וועלן געוויס נאָך אויך ווייטער רעגן די מענטשלעכע מוחות.

פון קרימינאַלאָגישן שטאַנדפּונקט: דער ערשטער מערדער אויף דער וועלט.

פון פּסיכאָלאָגיש־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט: דער ערשטער ברודער־מערדער.

פון פּאָעטיש־רעוואָלוציאָנישן שטאַנדפּונקט: דער ערשטער מורד קעגן בורא־עולם.

און פּסיכאָלאָגן, פילאָסאָפן און דיכטער וועלן נאָך לאַנג־לאַנג זוכן דעם „פאַרוואָס?“, די אורזאַכע פון דעם ברודער־מאָרד.

די ביבל פאַרצייכנט בלויז מיט קאַרגע ווערטער דעם אינצידענט און לאָזט איבער קינען מיטן קין־צייכן אויפן שטערן, צו דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע.

לאָרד בייראָן האָט אַריינגעקוקט אין דער נשמה פון קין און דערזען — אַ גרויסע בונטאַרישע פּערזענלעכקייט.

טאַקע דער ערשטער ברודער-מערדער — אָבער אויך דער ערשטער בונטאַר קעגן גאָט און סדר-העולם...

קין — איז דער ערשטער מענטש, וואָס וואַגט צו פאַרמעסטן זיך מיט זיין באַשעפער, אויפהויבן אַ פויסט געגן גאָטס אָליגאַרכיע.

נישט גלאַט אַ בונטאַר איז קין, נאָר אויך דער ערשטער טרוימער און פילאָסאָף.

נאָך בייראָנס געשטאַלטונג פון קין — איז דער ברודער-מערדער געווען פריער פון אַלץ אַליין אַ קרבן פון אומגערעכטיקייט.

און די אומגערעכטיקייט איז נישט נאָר קעגן אים, נאָר קעגן דעם גאַנצן מין מענטש.

קין האָט זיך פאַרטראַכט אויף די מעשי-בראשית, אויב איר ווילט, אפילו אויף דער סאָציאַלער אָרדענונג — און ער האָט דערזען די גרויסע עוולה, וואָס שוועבט איבערן וועלט-באַשאַף... אַ גרויסע אומגערעכטיקייט צום מענטשן: אים באַשאַפן ווי אַ אויסדערוויילטן, אים אַוועקגעגעבן די גאַנצע וועלט — און תיכף זי צו־ נעמען צוריק... אים אַ רייך געטון מיט גן-עדן — און גלייך אים פאַרטריבן פון דאָרטן... אים געגעבן פאַרזוכן (מיט דער פאַרמיט־ לונג פון דער שלאַנג) פון עץ-הדעת — און טאַקע באַלד אים באַשטראָפט מיט שווערע אַרבעט, און איבער אַלע עוולות און אומ־ גערעכטיקייטן די גרעסטע — דער טויט...

און קין, יונג ווי די וועלט אַרום אים, האָט גענומען פרעגן אַלטע קשיות, צווייפלען, זיך ערגערן:

— פאַרוואָס?

— ווו ליגט דאָ דער שכל?

— און ווו איז די באַציונג פון גאָט צום מענטש?

אַרום קינען איז געווען אַ סביבה פון הכנעה: זיינע עלטערן, ברודער און שוועסטער האָבן אונטערטעניק אָנגענומען דעם גזר־ דין פון אויבן: די דערהייטערונג פון גן-עדן:

— גאָט וויל אַזוי!

— גאָט און זיין משפט איז גערעכט!

— מיר האָבן געזינדיקט — און אונז קומט די שטראָף.

אָבער קין האָט זיך נישט געקענט אונטערגעבן:

— וואָס מיינט זינד?

— און צו וואָס האָט גאָט באַשאַפן די שלאַנג?

— און פאַרוואָס האָט גאָט ליב באַשטראָפן?

— און פאַרוואָס האָט ער ליב קרבנות, בלוט און מענטש־לעכע ערנידערונג?

און דער ערשטער פאַרצווייפלטער געשריי: „פאַרוואָס?" האָט זיך צעטראָגן איבער דער נאָך יונגער נישט פאַרטרוקנטער ערד. און דער ערשטער צווייפלער און פאַרצווייפלער האָט געמוזט קו־מען צום שלוס:

אַז — אַז נישט דער מענטש איז שולדיק, נאָר זיין באַשאַפער!

ער האָט אוועקגעשטעלט דעם בוים פון וויסן מיט אַ כיוון.

ער האָט געשיקט די שלאַנג צו זיין מוטער — מיט אויס־רעכענונג!

און ער האָט אַרויסגעטריבן זיין טאַטן פון גן־עדן — צוליב שלעכטסקייט און נישט פאַרגינערישקייט.

און דער מענטש אין קינען האָט פּראָטעסטירט:

— ניין! דאָס טויג נישט!

— נישטאָ קיין גערעכטיקייט!

— נישטאָ קיין זין אין גאַנצן לעבן.

זיין פאָטער איז אַ קרבן פון אַ פאַרשווערונג, זיין פאָטער איז נישט שולדיק, און ער, קין, איז אוודאי נישט שולדיק.

— ווייל פאַרוואָס דאַרפן קינדער ליידן פאַר די זינד פון די עלטערן?

און דאַן קומט ער צו אַ צווייטן באַשלוס: אַזאַ גאָט האָט ער נישט פאַר וואָס צו דאַנקען און לויבן...

און דערביי איז געקומען דער בעל־חלום, פילאָסאָף און דיכטער און גענומען אָפּפרעגן דאָס גאַנצע לעבן:

— צו וואָס טויג דאָס לעבן, ווען טויט לויערט אויף איבע־ די אַ פאַרצוקנדע חיה?

— און פארוואס זאָל דער מענטש נישט קענען זיין אומ־שטערבלעך ווי א מלאך?

און קינען האָט גענומען פארפאָלגן דער געדאַנק פון שטאַרבן.

— פאַרוואָס?

— צו וואָס פאַר א צוועק מוז דער מענטש שטאַרבן?

און — מיט קינען איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער פראָטעסט קעגן טויט:

— זאָל פארשאָלטן זיין אָט דער, וואָס האָט באַשאַפן לעבן, וואָס פירט צום טויט!

און לוציפער, דער טראַגיקער, דער וואָס וויל זיין א גאָט און קען נישט... ער, דער אייביקער אומרו אין דעם מענטשן, דער פארפירער און פארפירטער — ער האָט גענומען קינען עפענען די אויגן, אים ווייזן מה למטה און מה למעלה...

ער האָט אים געוויזן אלע וועלטן, פריערדיקע און שפעטערע.

ער האָט אים געוויזן שיינקייט און וועלקן, א רייך געמון מיט אומשטערבלעכקייט און פארגיין.

און אים גערופן צו זיין אייגענער באַפרייאונג.

— מענטש, פרוביר זיך באַפרייען!

— מענטש, דערלייז זיך אליין מיט דיינע אייגענע כוחות!

— צווייפל און גלויב און ווער נישט באַשטראָפט!

און לוציפער, דער האַלב טייוול און האלב גאָט, הויבט אויף קינען אין דער לופטן און ווייזט אים די מענטשלעכע שפלות און גרויסקייט, און פארביטערט און טרייסט אים צוזאמען..

און דאָ קומט בייראָנס קין צו זיין העכסטער הויך: גרוי־סע פארטיפונג אין זיך, טיפער פעסימיזם, שטאַרקע ליבע צום לעבן, שנאה צום טויט און בונטאַרישקייט.

עס איז די טראַגעדיע פון דעם מענטשן אין איר פולער גרייס:

ערשט געשטעלט זיין פוס אויף דער ערד,

יונג, פריש און גלויביק, און שוין שאָקלט זיך די ערד אונ־טער אים.

א וועלט א יונגע, א פריש־באַזונטע ליגט פאַר אים אין איר

גאנצער פראכט — און ער ווערט שוין אויפגעפרעסן פון ספקות.

א גן-עדן פאר די אויגן — און א חרב המתהפכת איבער דעם..

— צו וואס?

— וו ליגט דער סוד?

און ווען קין קומט צו זיך פון דער וועלט, פון וויזיאנען און חלומות און קערט זיך אום צו דער ערד, באגעגנט ער זיך מיט זיין ברודער הבל.

און זיין ברודער הבל איז א פאסטעך — א פאסטעך, וואס איז אונטערטעניק ווי א שאף און ער מעקעט ליב-געוואגען צו גאט...

דער ערשטער פאסטעך אויף דער ערד אנערקענט דעם הימלשן פאסטעך.

ער איז קנעכטיש פארטרויט אין גאט.

זיין ברודער ווי זיין פאטער האבן זיך אונטערגעגעבן זייער שיקזאל.

געמאכט שלום מיט דער גרויסער אומגערעכטיקייט פון הימל...

און זיין ברודער פרעגט גאט נישט. צווייפלט נישט. ער איז נאר מתפלל און ברענגט קרבנות.

גנאד און רחמים און פארגעבונג זוכט ער ביים טיראן פון די וועלטן.

א שקלאף איז זיין ברודער...

און גאט האט אפנים ליב שקלאפן... קרבנות און דער-הויפט בלוט...

און וו איז מענטשלעכער שטאלץ?

און הבל וויל באפרייען זיין ברודער קין פון זיין קאשמאר און ער בעט אים:

— קום, ברודער, און ברענג אויך דיין קרבן צו גאט, שיק אים א תפילה און ס'וועט דיך באַרויקן!

און קין וויל נישט:

— ניין, ס'קען קיין זאך מיך מער באַרויקן!

אבער צום סוף גיט ער זיך אונטער זיין ברודער און דא קומט דער טראגישער פינאל:

ביידע ברידער לייגן אוועק זייערע קרבנות צו גאָט.
און וואָס טוט גאָט? — ער נעמט אָן הבלס קרבן און קינס נישט.

און קין דער בונטאַר באַשטעטיקט זיך:
— גאָט האָט ליב בלוט!
— זע ווי דער הימל לעקט די פלאַמען אָפּט געדיכט מיט בלוט!

און ווען הבל רעדט אים איין ער זאָל ברענגען אַן אַנדער קרבן, פלאַמט קין אויף און ער רופט אויס:
— איך וועל נישט בויען קיין מזבחות מער און אויך אַזוינס נישט דולדן!
— גיי, גיי אוועק פון מיר, דיין גאָט ליבט בלוט!
און ביי אַזאַ אויפגערעגטער שטימונג געשעט דער ערשטער ברודער-מאָרד.

און די מענטשלעכע טראַגעדיע ווערט נאָך גרעסער: ער, קין, וואָס האָט אַזוי פיינט דעם טויט, ער ברענגט דער ערשטער דעם טויט אויף דער וועלט.
און קין דערזעעט דעם טויט — און אַ פאַרשאָלטענער, מיט אַ צייכן אויף זיין שטערן, לאָזט ער זיך וואַנדערן...

אז מען וויל קען מען זאָגן:
בייראָנס קין איז נישט מער ווי אַ פירוש אויף אַ שטיקל חומש.
נאָר אַ פירוש פון אַ דיכטער, פילאָסאָף און בונטאַר.
אַ דיכטער, װאָס קען בטבע נישט פאַרליידן קיין עוולות.
פון אַ ברודער-מאָרד האָט בייראָן געמאַכט אַ משפט מיט גאָט.

און קין דער אָנגעקלאָגטער איז געוואָרן אַן אָנקלאָגער.
— יאָ, יאָ, גאָט האָט אַ גרויסן חלק, אפשר דעם גרעסטן אין דעם ערשטן מענטשן-מאָרד אויף דער וועלט.
אין קינס אָנקלאָגע אויף גאָט האָט זיך בייראָן טאַקע

געשטיצט אויף דער ביבל. זי, די ביבל, אליין האט אונטערגע־זאגט דעם דיכטער, אז גאט האט דא אויך עפעס א האנט...

— ניין, ניין, קין איז נישט שולדיק!

— קין דער מערדער איז גאר אין דער אמתן א קרבן...

בייראנס קין — איז די גרויסע תביעה צום וועלט־באשעפער.

ביירן האט אויך אנטקעגנגעשטעלט קין קעגן הבל, אדער בעסער געזאגט: דעם קיניזם קעגן הבליזם.

קינס ארויסטריט קעגן גאט איז אין דער זעלבער צייט אויך אן ארויסטריט קעגן הבליזם: קעגן דער שוואכקייט, אונטערטע־ניקייט און הניפה צום בורא־עולם...

קיניזם — איז דער אייביקער בונט קעגן גאט, וואס זוכט קרבנות פון דעם מענטשן,

און דווקא פון בלוט...

די פרוכט פון דער ערד שמעקן נישט זיינע נאזלעכער...

ער איז דער גאט־טיראן פארצייטיק, אלצייטיק און בלוט־דורשטיק:

א גאט, וואס וויל נאר מזבחות און תפילות און חניפה און אונטערקייפונג.

„א הימל, וואס לעקט די פלאמען געדיכט מיט בלוט".

בייראנס קין איז א גרויס ווערק, הייל עס רירט אן די טיפסטע יסודות פון אונזער עקזיסטענץ.

אן אייביק ווערק — ווי לאנג דער מענטש וועט זיך פייניקן צו זוכן דעם סוד פון לעבן און נישט קענען.

ווי לאנג דער מענטש וועט מוזן מאנען גערעכטיקייט ביים הימל.

און ווי לאנג דער טויט וועט היטן דעם מענטשס טריט...

ביז דאן וועלן אים די מעשי־בראשית אנרעגן און בא־צויבערן, פירן צו צווייפל, דיכטונג און חלומות.

און ווי זאגט געארג בראנדעס: — קין איז די יונגע מענטש־הייט, וועלכע דענקט, פרוגט, שטרעבט און פאדערט...

דער לעבעדיקער

ניו־יארק

ערשטער אַקט

ראָס לאַנד: אין דרויסן פֿון גן־עדן.

צייט: זון־אויפֿגאַנג.

אדם, חוה, קין, הבל, עדה און צלה ברענגען אַ קרבן צו גאָט.

אָדם

גאָט! אייביקער! אומענדלעכער!—
וואָס האָט פֿון פֿינצטערע טיפֿקייטן בלויז מיט אַ וואָרט
דאָס ליכט אויף וואַסער אויסגעשפּרייט — זיי הויך געלויבט!
מיט ליכט צוריקגעקערטער, גאָט, זיי הויך געלויבט!

חוה

אָ, גאָט, וואָס האָט באַשאַפֿן טאָג און אָפּגעטיילט
דעם מאָרגן פֿון דער נאַכט — ביז דאַן באַהעפֿט אין איינס, —
וואָס האָט דאָס וואַסער אין צוויי טיילן איינגעטיילט,
און איין טייל אָנגערופֿן הימל — זיי געלויבט!

הבל

אָ, גאָט! וואָס האָט די עלעמענטן איינגעטיילט
אין ערד, און וואַסער, פֿייער, לופֿט, — און מיט דעם טאָג
און נאַכט, און אַלע וועלטן, וואָס באַקומען ליכט
פֿון זיי, צו שאָטן — שאַפֿסטו פֿרייד אין מענטשנס האַרץ,
וואָס גאַרט צו ליבן דיך, און זיי — זיי הויך געלויבט!

עדה

אָ, אייביקער גאָט! דער האַר און פֿאָטער פֿון אַלצדינג!

וואָס האָט באַשאַפֿן אַלע גוטע שיינע זאַכֿן,
זיי מער פֿון אַלץ צו ליבן. אויסער דיך אַליין —
דערלויב מיר ליבן דיך און זיי — זיי הויך געלויבט!

צלה

אָ, גאָט! וואָס שאַפֿט אונז אַלעמען און בענטשט, און ליבט,
און דאָך האָט ער דעם שלאַנג אַריינקריכֿן דערלויבט!
מיין ליבן פֿאָטער פֿון גן-עדן צו פֿאַרטרייבן —
באַשירעם אונז פֿון אַלדאָס בייז — זיי הויך געלויבט!

אָדם

קין, מיין זון, מיין ערשטגעבאָרענער,
וואָס ביסטו אַזוי שטיל?

קין

צו וואָס די רייד?

אָדם

איך מיין צו בעטן גאָט.

קין

האָט איר דען תּפֿילה נישט געטאָן?

אָדם

יאָ, יאָ, געוויס, און אויך מיט גרויס באַגייסטערונג.

קין

און אויף אַ הויכֿן קול; איך האָב אייך גוט געהערט.

אָדם

אויך גאָט האָט אונז געהערט. איך האָף.

הבל

אָמן!

אָדם

דאָך דו, מיין בכֿור, דו שווייגסט נאָך אַלץ.

קין

ס'איז בעסער, איך זאָל זיין אַזוי.

אָדם

פאַרוואָס?

קין

איך האָב נישט וואָס צו בעטן.

אָדם

און האָסט אויך נישט פאַרוואָס צו דאַנקען?

קין

ניין.

אָדם

דו לעבסט דען נישט?

קין

צי מוז איך דען נישט שטאַרבן?

חוה

אוי-וויי! די פרוכט פון דעם פאַרבאָטענעם בוים
פאַנגט אָן צו פאַלן.

אָדם

מיר מוזן ווידער זאַמלען זיינע פרוכט צום עסן.
אָ, גאָט! פאַרוואָס האָסטו פאַרפלאַנצט דעם בוים פון וויסן?

קין

פאַרוואָס האָט איר אויך נישט געפליקט פון עץ-החיים?
איך וואָלט דאָך אויך געקאָנט אַנטקעגן גאָט זיך שטעלן.

אָדם

אָ, ווי! מיין זון, נישט לעסטער אים;
דאָס זענען ווערטער פון דעם שלאַנג.

קין

פאַרוואָס דען נישט?
דער שלאַנג האָט דאָך דעם אמת בלויז געזאָגט:
עס איז געווען דער עץ־הדעת;
עס איז געווען דער עץ־החיים;
און וויסן איז דאָך גוט; און לעבן איז דאָך גוט;
נו, ווי אַזוי נאָך קענען ביידע זיין אויך שלעכט?

חוה

מיין זון, דו זינדיקסט מיט די רייד, ווי איך,
פאַר דיין געבוירנשאַפט; נישט לאָז מיך זעען היינט
מיין אומגליק אויף דאָס ניי ביי דיר. כ׳האָב מיך באַדענקט.
נישט לאָז מיך זעען, ווי עס פאַלט מיין קינד אין נעץ
פון דרויסן פון גן־עדן; אין דער נעץ, וואָס האָט
געפאַנגען דיינע עלטערן אין גן־עדן נאָך.
באַנוגן זיך, מיין ליבער זון, מיט דעם וואָס איז.
און וואָלטן מיר׳ס געטון, וואָלסטו צופרידן איצט געווען.

אָדם

די תפילות אונזערע האָבן זיך געענדיקט, זאָל
דערפאַר איעדער גיין זיך צו דער אַרבעט איצט —
כאָטש נויטיק, דאָך נישט שווער; די ערד איז פריש און יונג
זי גיט אונז וויליק פרוכט דורך זייער ווייניק מי.

חוה

קין, מיין זון,
זע, ווי דיין פאָטער קוקט אויס פריילעך און געטרייסט,
נו, זיי אויך דו ווי ער.

אָדם און חוה טרעטן אָפּ

צלה

דו ווילסט נישט, ליבער ברודער?

הבל

נאָך וואָס דעם אומעט טראָגן אויף דיין שטערן.

וואָס קען דען דיר אַרויסקומען דערפון
אַחוץ גאָטס צאָרן צו דערוועקן?

עדה

מיין ליבער קין, קוקסט מיט כעס אויף מיר?

קין

ניין, עדה, ניין!
כ'וואָלט בלויז פאַרלאַנגט צו זיין א ווייל אַליין.
הבל, מיין זעל איז קראַנק; דאָך ס'וועט פאַרביי.
גיי דו פאָראויס — און איך גיי באַלד דיר נאָך.
און איר אויך, שוועסטער, וואַרט נישט דאָ אויף מיר;
איך וויל מיט שלעכטס פאַר גוטס אייך נישט באַצאָלן.
און איך גיי באַלד אייך נאָך.

עדה

אויב נישט, קום איך צוריק דיך זוכן דאָ.

הבל

זאָל גאָט דיך, ברודער, היטן און דיין גייסט!

הבל, צלה און עדה טרעטן אָפּ

קין

אַליין

און דאָס איז לעבן! —
בלויז אַרבעטן! — פאַרוואָס מוז איך דאָס טון?
דערפאַר וואָס ס'האָט מיין פאָטער נישט געקענט
אין דעם גן-עדן אויפהאַלטן זיין אָרט.
איז דאָס מיין שולד? כ'בין דאַן דאָך אויף דער וועלט
נאָך נישט געווען און נישט פאַרלאַנגט צו זיין;
אויך פריי איך זיך נישט וואָס איך בין שוין דאָ.
פאַרוואָס האָט ער דעם שלאַנג און ווייב געפאָלגט?
און אויב שוין יאָ, פאַרוואָס קומט ליידן מיר?
ווו ליגט די זינד? — דער בוים איז דאָך געווען
פאַרפלאַנצט, פאַרוואָס דען עפּעס נישט פאַר אים?

אויב נישט, פֿאַרוואָס אים צוגעלאָזט צום בוים,
דער שענסטער אין דעם קרייז? — אויף אַלעם דעם
איך הער נאָר שטענדיק איינס: „עס איז אַזוי
געווען גאָטס ווילן, און ער איז דאָך גוט".
פֿון וואַנען ווייס איך דאָס? דערפֿאַר וואָס ער
אַלמעכֿטיק איז קומט שוין אַלגוטס אַרויס?
איך משפּט לויט די פּרוכט — די פּרוכֿט איז ביטער
און כ׳מוז זי עסן פֿאַר אַ צווייטנס זינד.—
ווען זע איך דאָ — אַ מלאך אין געשטאַלט,
אין דאָך זיין אויסדרוק איז צו ערנסט, שטרענג
צו זיין אַ גייסט: — וואָס ציטער איך אַזוי?
פֿאַרוואָס דען מורא האָבן מער פֿאַר אים,
ווי פֿאַר די אַנדערע גייסטער, וואָס איך זע,
טאָג-טעגלעך מיט די פֿלאַמען-שווערדן דאָרט
ביים טויער, ווו איך וואַנדער אָפֿט אַרום
פֿאַרנאַכֿט, אַ בליק צו טון אויפֿן גאָרטן דאָרט,
מיין טייל ירושה, איידער נאַכֿט פֿאַלט צו
אויף די פֿאַרבאָטענע טויערן און ווענט
און אויף די אייביקע ביימער העכֿער נאָך
פֿון פֿעסטונג מיט די כּרובים שטרענג באַוואַכֿט?
אויב כ׳האָב פֿאַר שׂרפֿים גאָר קיין מורא נישט,
ווי זאָל איך עס פֿאַר דעם וואָס קומט אַהער?
דערפֿאַר וואָס ער קוקט אויס פֿיל מעכטיקער
פֿון זיי, און אויך נישט מינדער שיין, און דאָך
נישט שיין געגוג ווי ר׳האָט געקאָנט דאָך זיין:
ס׳ווייזט אויס, אַז שמערץ באַגלייט זיין אייביקייט.
איז דאָס אַזוי? און צי איז דאָ דען שמערץ
חוץ מענטשלעכֿער? — ער דערנענטערט זיך אַהער!

לוציפֿער טרעט אויף

לוציפֿער

דו, שטערבלעכער!

קין

ווער ביסטו, גייסט?

לוציפער

איך בין דער האַר פון גייסטער.

קין

אויב ס׳איז אַזוי, פאַרוואָס דאַן האָסטו זיי
פאַרלאָזט און וואַנדערסט איצט אַרום מיט שטויב?

לוציפער

איך ווייס דער ערדס געדאַנקען,
כ׳פיל מיט מיט איר און אויך מיט דיר.

קין

זוי?
ווייסט מיינע אייגענע מחשבות אויך?

לוציפער

זיי זענען די געדאַנקען גראָד
פון אַלץ, וואָס איז נאָר ווירדיק פאַר געדאַנק; —
ס׳איז דיין אומשטערבלעך טייל, וואָס רעדט אין דיר.

קין

אומשטערבלעך טייל?
דאָס האָט מען אונז דאָך נישט אַנטפּלעקט; צוליב
מיין פאָטערס שולד דעם לעבנס-בוים אַנטזאָגט.
פון בוים פון וויסן האָט מיין מוטער אויך
צופרי געפּליקט; און גאָר די פרוכט איז טויט.

לוציפער

זיי האָבן דיך גענאַרט; דו לעבן דאַרפסט!

קין

איך לעב, —
איך לעב צו שטאַרבן בלויז און כ׳זע נישט וואָס
מיר מאַכט דעם טויט אַזוי צו האַסן, חוץ

דער אינערלעכער עקלהאַפטער דראַנג,
דער מעלאַנכאָלישער אינסטינקט צו לעבן דאָך,
וואָס איך פאַראַכט, ווי איך פאַראַכט זיך זעלבסט,
און קען אים נישט באַקעמפן דאָך, איך לעב!
הלוואי וואָלט איך גאָר קיינמאָל נישט געלעבט!

לוציפער

דו לעבסט, און מוזט אויך לעבן אייביק לאַנג.
דו זאָלסט נישט גלויבן, אַז דער שטויב וואָס איז
דיין אויסערלעכע קלייד איז עקזיסטענץ —
דער שטויב פאַרשווינדט, דאָך דו בלייבסט ווי געווען.

קין

בלויז ווי געווען? פאַרוואָס נישט גרעסער גאָך?

לוציפער

וועסט אפשר ווערן אויך ווי מיר.

קין

און איר?

לוציפער

מיר זענען דאָך אומשטערבלעך.

קין

און גליקלעך אויך?

לוציפער

מיר זענען מעכטיק.

קין

איך פרעג, צי גליקלעך?

לוציפער

דאָס נישט. ביסטו?

קין

ווי קען איך זיין? דו ווייז מיר ווי אַזוי!

לוציפער

דו אָרימער, דו ערד און שטויב!
און דו באַקלאָגסט זיך ביסט אומגליקלעך, דו?

קין

אומגליקלעך, יאָ!
און דו, מיט גאָר דיין מאַכט, יאָ, וואָס ביסט דו?

לוציפער

ליבין דער,
וואָס האָט געשטרעבט צו זיין ווי גאָט, וואָס האָט
באַשאַפן דיך, און וואָלט איך דאָס געוועזן
וואָלסטו אויך דאַן געוועזן אַן אַנדערער.

קין

אָ, זעסט דאָך אויס באַלד ווי אַ גאָט; און —

לוציפער

איך בין עס נישט! און ווייל איך בין עס נישט
וויל איך שוין ליבערשט בלייבן וואָס איך בין.
האָט ער געזיגט — זאָל ער שוין הערשן איצט!

קין

ווער?

לוציפער

דער שעפער פון דיין פאָטער און דער ערד.

קין

פון הימלען אויך, פון אַלץ וואָס ס'איז פאַראַן
איך האָב אַזוי געהערט די שרפים זינגען;
און אויך מיין פאָטער האָט עס מיר געזאָגט.

לוציפער

זיי זאָגן, זינגען בלויז — געצוווּנגענע
אויס מורא נישט צו זיין ווי איך — צי דו —
סיי גייסטער און סיי מענטשן.

קין

און וואָס איז דאָס?

לוציפער

אומשטערבלעכע נשמות, מוטיקע.

וואָס קוקן דעם אַלמעכטיקן טיראַן
גלייך אין זיין שטרענגן אייביקן געזיכט.
און זאָגן, אַז זיין הערשאַפט איז נישט גוט!
אויב ער האָט אונז באַשאַפן ווי ער האָט
געזאָגט — וואָס נישט איך ווייס און נישט איך גלויב —
אויב יאָ, דאַן קען ער אונז נישט מאַכן אויס.
מיר זענען דאָך אומשטערבלעכע! — ער וויל
אַזוי, כדי אונז קאָנען פייניקן. —
נו, לאָז אים, ער איז גרויס — און דאָך איז ער
מיט גאָר זיין גרויסקייט נישט פיל גליקלעכער
פאַר אונז אין אונזער קאַמף! פון גוטס קומט שלעכטס
קיינמאָל צרויס! און וואָס האָט ער באַשאַפן?
נאָר לאָז אים זיצן איינזאַם אויף זיין טראָן,
און בויען וועלטן, כדי די אייביקייט
זאָל גרינג פאַרטראָגן זיין ענדלאָזיקייט
און אויך זיין אומגעטיילטע איינזאַמקייט;
זאָל ער זיך זאַמלען שטערן: ער בלייבט אַליין,
אָן ענד, אַן אומצעשטערטבאַרער טיראַן;
וואָלט ער געקאָנט צעשטערן זיך אַליין,
וואָלט ער דאָס גרעסטע גליק געשאַפן זיך; —
ער מעג דאָך הערשן און געוועלטיקן,
און זיך געשטאַלטן פריי אין איינזאַמקייט!
מיר, גייסט און מענטש, סימפּאַטיזירן כאָטש —
און מאַכן, ליידנדיק געמיינשאַפטלעך,
די ליידן אונזערע דערטרעגלעכער,
דורך טיפן מיטגעפיל פון אַלעמען,
פאַר אַלע! — אָבער ער! אַן עלנדער!
אַן אומצופרידענער, דאָרט אין זיין הויך,
כסדר שאַפט און שאַפט און איבערשאַפט.

קין

דו רעדסט איצט רייד, וואָס האָבן ווי אין טרוים
אַדורכגעשוועבט שוין לאַנג מיין אייגן זעל:

כ׳האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרבינדן ענג,
וואָס כ׳האָב געזען מיט דעם וואָס כ׳האָב געהערט.
מיין פאָטער און מיין מוטער רעדן נאָר
צו מיר פון שלאַנגען, ביימער און פון פרוכט:
איך זע דעם טויער פון גן־עדן שטרענג
באַוואַכט פון כרובים מיט די פלאַמען־שווערד,
וואָס לאָזן נישט אַריין נישט זיי, נישט מיך;
איך פיל די לאַסט פון אַרבעט נאָכאַנאַנד
דעם יאָך פון שטענדיק טראַכטן: כ׳קוק אַרום
און זע אַ וועלט, אַוווּ מען מערקט מיך קוים;
דאָך שטורמען אויף געפילן אין מיין ברוסט.
וואָס וואָלטן אַלץ באַהערשט: — נאָר כ׳טראַכט ביי זיך
דער גאַנצער פיין באַלאַנגט בלויז מיר אַליין. —
מיין פאָטער איז געצוימט; מיין מוטער האָט
פאַרגעסן שוין דעם זין, וואָס האָט איר דורשט
געריי׳צט נאָך וויסן, טראָגן די גרויס געפאַר
אייביק זיין פאַרפלוכט. מיין ברודער איז
אַ פאַסטעך־יינג, וואָס ברענגט די ביכורים פון
זיין שאָף אַלס קרבן יעדן טאָג צו אים,
וואָס האָט פאַרזאָגט די ערד: קיין זאַך אונז נישט
צו געבן חוץ דורך שווערער מי און שווייס;
מיין שוועסטער צלה זינגט איר ליבע־געזאַנג
נאָך פריער פאַר דעם פויגלס? מיין עדה,
מיין איינציקע באַליבטע, ניין, אויך זי
פאַרשטייט גאָרנישט מיין שטורמדיקן גייסט:
ס׳האָט קיינער נאָך נישט מיטגעפילט מיט מיר.
נו, — כ׳וויל שוין ליבערשט זיין מיט גייסטער נאָענט.

לוציפער

און וואָלסטו נישט געווען, דורך אייגענער זעל,
זיך גראַדע צוגעפאַסט צו מיר, דאַן וואָלט
איך איצט דאָ נישט געווען. עס וואָלט געניג
געווען פאַר דיר דער צויבער פון אַ שלאַנג.

קין

אָ! דו האָסט עס מיין מוטער איינגערעדט?

לוציפער

איך רעד נישט קיינעם איין,
איך זאָג דעם אמת בלויז; איז נישט דער בוים
געווען דער בוים פון וויסן? און איז נישט
דער בוים פון לעבן פרוכטבאַר דען געווען?
האָב איך פאַרבאָטן איר די פרוכט פון בוים?
האָב איך פאַרבאָטענע בוימער דען פאַרפלאַנצט,
און דאַן דאָס אומשולדיקע אויג גערייצט?
איך וואָלט פאַר געטער אייך געמאַכט! דאָך ער
האָט אייך אַרויסגעטריבן בלויז דערפאַר:
„כדי איר זאָלט נישט עסן פון דעם בוים
פון לעבן און נאָך ווערן געטער גלייך
ווי מיר״,—האָט ער באמת דאָס געזאָגט?

קין

אַזוי האָב איך געהערט פון זיי, וואָס האָבן
די זעלבע רייד דורך דונערן געהערט.

לוציפער

דאַן ווער איז דאָס געווען דער דעמאָן דאָרט?
אָט דער, וואָס האָט אייך לעבן נישט געלאָזט?
צי דער, וואָס האָט געוואָלט, אַז אייביק זאָלט
איר לעבן אין דער גרויסער פרייד און קראַפט
פון חכמה און פון וויסן?

קין

אַך, וואָלטן זיי פוןביידע בוימער שוין
געגעסן, אָדער גאָר קיין בוים באַרירט!

לוציפער

איין בוים איז אייערער;
דער צווייטער קען נאָך זיין.

קין

דערקלער מיר, ווי אַזוי?

לוציפער

ווען איר וועט בלייבן פעסט, פאַרעקשנטע,
עס קיין זאַך באַוועלטיקן דעם גייסט,
ווי לאַנג דער גייסט וויל בלייבן וואָס ער איז,
און אויך דער מיטלפונקט פון אַלץ אַרום —
ער איז צו הערשן בלויז געמאַלט.

קין

דאָך, זאָג, האָסטו די עלטערן פאַרפירט?

לוציפער

ווער, איך? דו אָרעם שטויב! נאָך וואָס האָב איך
באַדאַרפט עס טון? און ווי אַזוי?

קין

זיי זאָגן: אויך דער שלאַנג איז גייסט געווען.

לוציפער

ווער זאָגט עס? ס'איז אין הימל נישט אַזוי
פאַרשריבן. דער שטאָלצער וועט נישט פעלשן אויף
אַזוי פיל דאָך. איבערוויל אין טיפן אַנגסט
און פוסטן שטאָלץ פאַרלאַנגט דער מענטש צו וואַרפן
די אייג'נע פעלערן אויף גאָט און גייסט.
דער שלאַנג געווען איז שלאַנג — נישט מער; און דאָך
נישט ווייניקער פון די וואָס ער'ט פאַרפירט,
שטויב פון נאַטור ווי זיי — בלויז כיטרער, קלוג —
ווייל ער האָט זיי באַזיגט, און האָט פאָרויס
געוווסט דאָס קענטעניש וועט שעדלעך זיין
פאַר זייער ביסל גליק. — דו מיינסט, איך וועל
זיך אין אַ שטערבלעכן געשטאַלט פאַרקליידן?

קין

ס'איז דאָך אַ טייוול אין דער זאַך געווען!

לוציפער

ער האָט זיי נאָר געוועקט מיט זיינע רייד
און גלאַטן צונג. איך זאָג דיר, אַז דער שלאַנג
איז בלויז אַ שלאַנג געווען, דו פרעג נאָר זיי,
די כּרובים דאָרט ביי דעם נסיון-בוים.
ווען טויזנט דורות וועלן גיין פאַרביי
דיין טויטן שטויב און אויך דיין קינדערס שטויב,
וועט אויפשטיין דאַן פיליילכט אַ דור, וואָס וועט
די איצטיקע ערשטע זינד באַפּוצן מיט
אַ משל, און מיר פאַסן אַ געשטאַלט,
וואָס איך פאַראַכט, ווי אַלץ, וואָס קניט פאַר אים,
וואָס האָט אַלצדינג באַשאַפן בלויז, עס זאָל
זיך קניען פאַר זיין בייזער אייביקייט;
דאָך מיר, די אמת-זעער, זאָגן עס אַרויס.
די עלטערן דיינע האָבן תּמימותדיק
דעם שלאַנג געפאָלגט און זענען גלייך געפאַלן.
נאָך וואָס זאָלן גייסטער רייצן און פאַרפירן?
צי איז אין דעם באַשרענקטן קרייז פון דעם
גן-עדן געווען וואָס צו מקנא זיין,
דאָס גייסטער וועלכע דרינגען דורך דעם רוים —
איך רעד פון זאַכן פרעמדע נאָך פאַר דיר,
כאָטש האָסט פאַרזוכט פון בוים פון וויסן שוין.

קין

דו קענסט דאָך נישט דערציילן מיר קיין זאַך
פון וויסן, וואָס כ'וויל נישט וויסן, און דורשט נישט וויסן
און האָב קיין זין, קיין האַרץ עס נישט צו וויסן.

לוציפער

דו האָסט כאָטש מוט דאָס אַלעס אָנצוקוקן?

קין

באַווייז מיר עס.

לוציפער

האָסט מוט צו זעען אויך דעם טויט?

קין

דעם טויט האָט קיינער נאָך געזען.

לוציפער

דאָך קומט ער אויף געוויס.

קין

מיין פאָטער זאָגט, דער טויט איז מוראדיק,
די מוטער וויינט ווען ס׳ווערט דער טויט דערמאָנט,
און הבל הויבט די אויגן אויף צו גאָט,
און צלה לאָזט דעם קאָפּ אַראָפּ און בעט,
און עדה קוקט מיך אָן און שווייגט.

לוציפער

און דו?

קין

געדאַנקען אומאויסדריקלעך דרינגען אין
מיין ברוסט, וואָס ברענען ווען איך הער פון דעם
אַלמעכטיקן טויט, וואָס ס׳איז, ווי ס׳ווייזט מיר אויס,
גאָר אומפאַרמיידלעך. קען איך ראַנגלען זיך
מיט אים? אַלס יינגל האָב איך זיך אין שפּיל
געראַנגלט מיט אַ לייב, ביז ברילנדיק
איז ער אַנטלאָפן פון מיין האַנט.

לוציפער

געשטאַלטלאָז איז דער טויט, און דאָך פאַרשלינגט
ער אַלץ, וואָס טראָגט אַן ערד-געבוירענע פאָרם.

קין

אָ! כ׳האָב געגלויבט עס איז געווען אַ וועזן!
ווייל ווער אַחוץ אַ וועזן האָט געקאָנט
אַן אַנדער וועזן שלעכטס אַזוי פיל טון?

לוציפער

פרעג דעם צעשטערער!

קין

וועמען?

לוציפער

דעם שאַפער — רוף אים ווי דו ווילסט אַליין!
ער שאַפט אום ער זאָל האָבן וואָס צעשטערן.

קין

איך האָב עס נישט געוווסט, כ'האָב דאָך אַזוי
געדענקט, זייט איך האָב פון דעם טויט געהערט:
אויבוויל איך ווייס נישט וואָס ער איז, דאָך דענק
איך ער איז מוראדיק, איך האָב נאָך אים
געפאָרשט פיל מאָל פאַראיינזאַמט אין דער נאַכט;
און ווען כ'האָב ריזיקע שאָטנס אויף די ווענט
פון דעם גן-עדן אין דער טונקלקייט
דערזען, פון די כרובימס שווערדן-גלאַנץ
באַלויכטן ווי אין בליץ, ערשט דאַן האָב איך
מיט שטאַרקן לוסט זיך צוגעקוקט צו דעם,
וואָס כ'האָב געדענקט דאָס איצטער קומט ער אָן.
מיט מורא איז מיין בענקעניש אין האַרץ
געשטיגן, כדי צו ווויסן וואָס דאָס איז
אַזוינס, וואָס וועקט אין אונז אַ טיפע אַנגסט —
דאָך ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט.

און דאַן האָב איך
געווענדט די מידע אויגן מיינע ווייט
פון אונזער היימישן פאַרבאָטענעם
גן-עדן צו אָט יענע ליכטער דאָרט,
אַריבער אונז גאָר הויך אין דעם לאַזור,
וואָס זענען אַזוי שיין — זיי שטאַרבן אויך?

לוציפער

פיליייכט — דאָך וועלן איבערלעבן דיך
און דיינע קינדער.

קין

עס פרייט מיך; כ'וואָלט נישט וועלן זעען ווי
זיי שטאַרבן — יאָ, זיי זענען מיר שטאַרק ליב.
דאָך וואָס איז טויט? איך ציטער און איך פיל
עס איז אַ מוראדיקע זאַך; דאָך וואָס,
באַגרייף איך נישט. עס איז אַזוי באַשטימט,
פאַרן צדיק און דעם רשע אַלץ איין סוף —
אַ וועלכער סוף?

לוציפער

צו ווערן אויפגעלייזט אין שטויב.

קין

וועל איך עס פילן אויך?

לוציפער

איך בין נישט מיט דעם טויט באַקאַנט, דערפאַר
קאָן איך נישט ענטפערן אויף דעם.

קין

וואָלט איך געוועזן שטילע ערד, וואָלט גאָר
קיינמאָל שלעכט געווען. הלוואי וואָלט איך געוועזן
ניין אַנדער זאַך ווי שטויב!

לוציפער

וואָס פאַר אַ פשוטער פאַרלאַנג!
דיין פאָטער האָט פיל מער פאַרלאַנגט — דאָס וויסן!

קין

דאָך נישט צו לעבן, ווייל ווען יאָ, פאַרוואָס
האָט ער פון עץ-החיים נישט פאַרזוכט?

לוציפער

מ'האָט אים געשטערט.

קין

אַ מוראדיקער טעות, וואָס ער האָט

פון עץ־החיים נישט פאַרזוכט צו ערשט! —
נאָר איידער ער׳ט פון עץ־הדעת פאַרזוכט,
האָט ער פון טויט מסתמא נישט געוווּסט.
אַך! כ׳ווייס קוים איצטער וואָס איז טויט, און דאָך
איך ציטער שטאַרק פאַר אים און ווייס נישט וואָס.

לוציפער

און איך, וואָס ווייס אַלצדינג, איך שרעק זיך נישט
פאַר קיין שום זאַך; נו, זע וואָס וויסן מיינט.

קין

ווילסט אויך, אַז איך זאָל וויסן אַלץ?

לוציפער

יאָ, בלויז אויף איין באַדינג.

קין

וואָס איז ער?

לוציפער

זאָלסט קניען און מיך דינען ווי דיין גאָט.

קין

ביסט דער גאָט צו וועם מיין פאָטער דינט?

לוציפער

ניין.

קין

ביסטו זיין גלייכן?

לוציפער

ניין; — כ׳האָב נישט קיין געמיינזאַמעס מיט אים
און וויל עס נישט: כ׳וויל איבער — אונטער אים, —
נאָר נישט אַ שותּף צי אַ דינער צו
זיין מאַכט. כ׳וווין ווייט פון אים; דאָך איך בין גרויס: —
כ׳האָב פילע וואָס פאַרערן מיך, און מער
נאָך וועלן עס — זיי פון די ערשטע דו.

קין

איך האָב נאָך קיינמאָל פאַר מיין פאָטערס גאָט
זיך נישט געבוקט, כאָטש הבל בעט מיך אָפט
איך זאָל מיט אים צוזאַמען מקריב זיין
צו גאָט, — פאַרוואָס זיך בוקן איצט צו דיר?

לוציפער

דו האָסט זיך קיינמאָל נישט געבוקט פאַר אים?

קין

האָב איך עס נישט געזאָגט? — מוז איך עס זאָגן?
דיין מעכטיקער וויסן זאָגט עס דיר נישט אויס?

לוציפער

עס זענען דאָ, וואָס קניען נישט פאַר אים,
און קניען דאָך פאַר מיר!

קין

איך וויל פאַר קיינעם זיך נישט בויגן.

לוציפער

דו ביסט מיין דינער דאָך: ווייל ווען דו דינסט
נישט אים, ביסטו במילא מיינער שוין.

קין

און וואָס איז דאָס?

לוציפער

דו וועסט דערפאַרן, באַלד — און שפּעטער.

קין

איך וויל בלויז לערנען דאָס געהיימניש פון
מיין עקזיסטענץ.

לוציפער

נו, קום מיט מיר וווהין איך וועל דיך פירן.

קין

איך מוז דאָך אָבער גיין צוריק דאָס לאַנד

באַארבעטן — איך האָב זיי צוגעזאָגט אַזוי.

לוציפער

וואָס?

קין

געוויסע ערשטע פּרוכט צונויפצוקלויבן.

לוציפער

נאָך וואָס?

קין

צו ברענגען זיי מיט הבלען אויפן אַלטאַר.

לוציפער

האָסטו דען נישט געזאָגט, האָסט קיינמאָל זיך
געקניט פאַר דיין באַשעפער?

קין

געוויס — דאָך הבלס ערנסטער געבעט
האָט מיך באַוועגט; דער קרבן איז מער זיינס
ווי מיינס — און עדה —

לוציפער

וואָס שטאַמלסטו?

קין

זי איז מיין שוועסטער; איז מיט מיר געבוירן
אין זעלבן טאָג און אויך פון זעלבער טראַכט;
זי האָט אַרויסגעפּרעסט פון מיר דאָס וואָרט
מיט אירע טרערן; און כּדי איך זאָל
נישט זעען איר געוויין בין איך שוין גרייט.
איך דענק, איר ליבערשט נאָכצוגעבן אַלץ —
און דינען ווען ס׳זאָל נישט זיין.

לוציפער

דאַן פאָלג מיר נאָך!

קין

כ׳בין גרייט.

עדה טרעט אויף

ע ד ה

מיין ברודער, כ'בין געקומען איצט נאָך דיר;
ס'איז צייט צו רוען און געניסן פרייד —
דו פעלסט אונז אויס. האָסט נישט געאַרבעט היינט;
דאָך איך האָב אָפּגעטון דיין טייל; די פרוכט
איז רייף און גליט גלייך ווי דאָס ליכט, וואָס האָט
געהאָלפן זי זאָל צייטיק ווערן. קום!

ק י ן

דו זעסט דען נישט?

ע ד ה

איך זע אַ מלאך דאָ; מיר האָבן פיל
ווי זיי געזען. וועט ער זיך טיילן אויך
מיט אונזער רו? ער איז ווילקאָמען.

ק י ן

ער איז נישט ענלעך דאָך
צו די מלאכים, וואָס מיר זעען דאָ.

ע ד ה

עס זענען דאָ דען אַנדערע אויך?
און דאָך איז ער ווילקאָמען, פונקט ווי זיי,
זיי זענען אונזער געסט געווען — וועט ער?

ק י ן

צו לוציפער

דו קומסט מיט אונז?

ל ו צ י פ ע ר

איצט דאַרפסטו מיין גאַסט זיין.

ק י ן

איך מוז איצט גיין מיט אים.

ע ד ה

וועסט אונז פאַרלאָזן?

ק י ן

יאָ,

ע ד ה

אויך מיך?

ק י ן

געליבטע עדה!

ע ד ה

איך בעט דיך. נעם מיך מיט מיט דיר.

ל ו צ י פ ע ר

ניין, ניין, זי זאָל נישט גיין מיט אונז.

ע ד ה

ווער ביסטו, וואָס דו שטעלסט זיך דרייסט אַריין
דאָ צווישן האַרץ און האַרץ?

ק י ן

ער איז אַ גאָט.

ע ד ה

פון וואַנען ווייסטו דאָס?

ק י ן

ער רעדט פונקט ווי אַ גאָט.

ע ד ה

דער שלאַנג האָט אויך אַזוי גערעדט,
און ער האָט ליגן דאָך געזאָגט.

ל ו צ י פ ע ר

דו האָסט אַ טעות, עדה! איז דען נישט
דער בוים געווען דער בוים פון וויסן?

ע ד ה

געוויס, צו אונזער אייביקן וויי.

ל ו צ י פ ע ר

און דאָך אויב ווי איז וויסן —

דאַן האָט דער שלאַנג קיין ליגן נישט געזאָגט.
און ווען ער'ס יאָ באַטראָגן אייך, איז דאָס
מיט אמת דאָך געווען; און אמת קאָן,
אין גרונד גענומען, זיין בלויז גוט.

עדה

דאָך מער ווי צרות האָט עס נישט געבראַכט:
פאַרטריבן פון דער היים, און אַנגסט, און מי,
און שווייס, און האַרץ-ווײ; און חרטה פיל
אויף דעם וואָס ס'איז געווען — און האָפנונג
אויף דעם, וואָס וועט שוין קיינמאָל קומען מער.
אָ, קין! גיי נישט מיט דעם גייסט אַוועק,
און טראָג דעם יאָך פון ליידן גלייך מיט אונז.
און ליב מיך — איך ליב דיך.

לוציפער

מער ווי דיין מוטער און דיין פאָטער?

עדה

יאָ, מער. איז דאָס דען אויך אַ זינד?

לוציפער

נאָך נישט: ס'וועט זיין פאַררעכנט פאַר אַ זינד
ביי דייַנע קינדער דאָך.

עדה

וואָס?
מיין טאָכטער טאָר חנוך, איר ברודער, גאָר
נישט ליבן?

לוציפער

נישט פונקט אַזוי ווי דו האָסט קינען ליב.

עדה

אָ, גאָט!
זיי טאָרן זיך נישט ליבן, און דורך ליבע
געבוירן וועזנס ליבנדע ווי זיי?

צי האָבן זיי דען נישט געזויגן מילך
פון זעלבער ברוסט? צי איז דען נישט אויך ער,
דער פֿאָטער זייערער, מיט מיר צוגלייך
געבוירן פון דער זעלבער טראַכט, און שעה?
צי האָבן מיר זיך נישט געליבט? און ליבנדיק
פֿאַרטאָפּלט זיך אַליין אין אַנד׳רע צוויי,
וואָס ליבן זיך גלייך ווי מיר ליבן זיי?
אָ, קין! ווייל איך ליב דיך, גיי נישט מיט
דעם גייסט; ער האָט מיט אונז קיין שייכות נישט.

לוציפֿער

די זינד פון וואָס איך רעד איז נישט מיין ווערק
און איז דעריבער נישט אַ זינד ביי אייך —
ס׳וועט אפשר יאָ פֿאַררעכנט זיין אַ זינד
ביי די, וואָס פֿאָלגן ערשט נאָך אייער טויט.

עדה

וואָס איז די זינד, וואָס איז נישט זינד באַטראַכט
פֿאַר זיך אַליין? צי קאָן אַן אומשטאַנד דען
באַשאַפֿן זינד צי טוגנט? — און אויב יאָ,
דאַן זענען מיר דאָך שקלאַפֿן פון —

לוציפֿער

ס׳איז דאָ אויך שקלאַפֿן העכערע פון אייך;
און שקלאַפֿן העכערע פון אייך און זיי,
וואָס וואָלטן געווען, ווען יענע וואָלטן זיך
נישט אויסגעקליבן אומאָפּהענגיקייט
פון שמערץ צום שטילן פּיין פון שמייכלעריי,
דורך האַרף, געזאַנג, און זעלבסנוציקן געבעט,
צו אים, וואָס איז אַלמעכטיק, ווייל ער איז
אַלמעכטיק, נישט אויס ליבע — נאָר אויס שרעק
און האָפֿענונג פֿאַר שכר.

עדה

אַלמאַכט מוז אויך דאָך זיין אַלגוט.

לוציפער

איז דאָס אַזוי אין עדן דען געווען?

עדה

אוי, שד!
נישט רייץ מיך מיט דיין שיינקייט,
ביסט שענער ווי עס איז געווען דער שלאַנג
און פּונקט אַזוי אויך פֿאַלש.

לוציפער

אויך אמתדיק ווי ער.
די פֿרעג דיין מוטער חוה: צי באַזיצט
זי נישט די קענטעניש פֿון גוטס און שלעכטס?

עדה

אָ, מוטער! דו
האָסט אָפּגעפֿליקט אַ פּרי, וואָס איז פֿיל
מער שעדלעך פֿאַר דיין קינד ווי דיר אַליין;
דו האָסט דיין יוגנט אין גן־עדן כאָטש
פֿאַרבראַכט, אין גליקלעכן, אומשולדיקן
פֿאַרקער מיט די באַגליקטע גייסטער דאָרט;
דאָך מיר, די קינדער דיינע דאָ, מיט דעם
גן־עדן אומבאַקאַנט, מיר זענען מיט
טייוואָלים אומגערינגלט איבעראַל,
וואָס נעמען אָן גאָטס וואָרט און רייצן אונז
דורך אונדזערע אייגענע אומצופֿרידענע
און נייגעריקע געדאַנקען — ווי עס האָט
דער שלאַנג געפֿאַנגען דיך, ווען ס'איז דיין האַרץ
געווען באַך גאַנץ און פֿול מיט קינדיש גליק.
איך קאָן נישט ענטפֿערן דעם וועזן דאָ,
דעם אייביקן, וואָס שטייט אָט איצט פֿאַר מיר.
איך קען אויך נישט פֿאַרהאַסן אים; איך קוק
אים אָן מיט אָנגענעמער ציטערניש,
און דאָך אַנטלויף איך נישט פֿון אים; עס ליגט

בײַ אים אין בליק מאַגנעטישקייט, וואָס ציט
מײַן צאַפּלדיקן אויג צו זײַנעם צו;
מײַן האַרץ קלאַפּט שנעל; ער שרעקט מיך, דאָך ער ציט
מיך נאָענט, נענטער און אַלץ נענטער צו: —
קין — קין — באַפרײַ מיך דו פון אים.

קין

וואָס שרעקט דיך, עדה? דאָס איז נישט
אַ בייזער גייסט.

עדה

ער איז נישט גאָט — און אויך נישט גאָטס אַ קינד:
כ'האָב כּרובים, שׂרפים שוין געזען;
דאָך ער זעט גאָרנישט אויס ווי זיי.

קין

ס'איז אָבער דאָ פיל העכערע פון זיי —
די הויפּט־מלאָכים.

לוציפער

און העכערע פון זיי נאָך אויך.

עדה

געוויס, דאָך נישט פיל גליקלעכער פון זיי.

לוציפער

אויב גליק און קנעכטשאַפט זענען איינס — ניין.

עדה

איך האָב געהערט מען זאָגט:
דער שׂרף ליבט מער און דער כּרוב מער ווייסט —
און דער־אָ איז אַ כּרוב, האָב איך געטראַכט,
דעריבער ליבט ער נישט.

לוציפער

אויב ליבע ווערט פון וויסן שטאַרק געשטערט,
וואָס מוז שוין זײַן דאַן גאָט אַליין, וואָס איז

אייך נישט באַליבט, ווייל איר האָט אים דערקענט?
אויב כּרובים, וואָס אַלץ ווייסן, ליבן שוואַך,
איז שרפימס ליבע בלויז אומוויסנהייט:
אַז ביידע פאָרן זיך נישט גלייך, באַווייזט
דיר דאָך דיין עלטערנס שטראָף פאַר זיין געוואַגט,
קלויבט ליבע אָדער וויסן אויס, ווייל ס׳איז
קיין אַנדער אויסוועג דאָך נישטאָ. ס׳האָט שוין
דער פאָטער אייערער געוויילט; — ער דינט
צו גאָט, ווייל ער האָט מורא בלויז פאַר אים.

עדה

אָ, קין! קלויב אויס ליבע!

קין

מיין עדה, ניין, איך דאַרף איר נישט פאַר דיר,
זי איז מיט דיר געבוירן — כ׳ליב בלויז דיך.

עדה

און אונזערע עלטערן?

קין

צי האָבן זיי דען אונז געליבט בשעת
זיי האָבן פון דעם בוים געפליקט, וואָס האָט
פאַרטריבן אונז פון גן-עדן?

עדה

מיר זענען אויף דער וועלט נאָך נישט געווען —
און אויב שוין יאָ, דאַן זאָלן מיר דען זיי
און אונדז׳רע קינדער גאָרנישט ליבן, קין?

קין

מיין קליינעם חנוך! און זיין שוועסטערל!
וואָלט איך געגלויבט דאָס גליק וועט זיין מיט זיי,
וואָלט איך פאַרגעסן האַלב —
נאָר ס׳קאָן דאָך נישט
אפילו דורך דריי טויזנט דורות לאַנג
פאַרגעסן ווערן אַלץ, ס׳וועט קיינמאָל נישט

קיין מענטש פֿאַרערן די ערינערונג
פֿון מאַן, וואָס האָט אין זעלבן טאָג
פֿאַרזייט די זריעה פֿון דער מענטשהייט און
פֿון אַלעם בייז! זיי האָבן אָפּגעפּליקט
די פּרוכט פֿון בוים פֿון וויסן און פֿון זינד —
און, נישט צופֿרידן מיט דעם אייג׳נעם שמערץ,
געבוירן האָבן זיי דאַן מיך — און דיך —
און אַנדערע דאָ, און אַלע נישט
געציילטע, און די פֿיל אומצייליקע
מיליאָנען און מיליאַסן וועזנס אויך
נאָך אונז, וואָס וועלן ירשענען פֿון זיי
דעם אָנגעזאַמלטן וויי פֿון דורות לאַנג! —
און איך — מוז זיין אַ פֿאָטער פֿון דעם מין!
דיין רייץ און ליבע — איז מיין פֿרייד און לוסט,
דער גליענדער מאָמענט, די שטילע שעה,
אַלץ וואָס מיר האָבן אין די קינדער ליב,
דאָס פֿירט נאָר זיי און אונז דורך יאָרן פֿיל
פֿון זינד און פּיין — ווען ווייניק, דאָך מיט שמערץ,
פֿאַרמישט מיט קורצער פֿרייד פֿון בלויז איין וויל —
צום טויט, דעם אומבאַקאַנטן! יאָ, מיר דאַכט
זיך, אַז דער בוים פֿון וויסן האָט גענאַרט: —
ווייל אויב זיי האָבן שוין געזינדיקט, האָט
דאָך וויסן זיי באַדאַרפֿט באַווייזן אַלץ —
אפילו אויך דעם סוד פֿון טויט. און דאָך
וואָס ווייסן זיי? — זיי ווייסן בלויז פֿון לייד.
אויף דעם האָט מען באַדאַרפֿט די פּרוכט, דעם שלאַנג?

עדה

איך בין נישט עלנד, קין, און וואָלסטו
נאָך גליקלעך זיך געפֿילט —

קין

זיי גליקלעך דאַן כאָטש דו אַליין —
איך וויל נישט האָבן וואָס צו טון מיט גליק,

וואָס בלויז דערגידעריקט אונז אַלעמען

עדה

איך קאָן נישט און איך וואָלט
נישט גליקלעך זיין אַליין: און דאָך מיט די
אָרום, דענק איך, וואָלט איך געקאָנט עס זיין,
נישט אַכטנדיק דעם טויט, פאַר וועלכן, ווייל
איך קאָן אים נישט, האָב איך קיין מורא, כאָטש
ער ווייזט אויס זיין אַ מוראדיקער שאָטן —
אַזוי ווי כ'האָב געהערט.

לוציפער

און דו אַליין, זאָגסטו,
קאָנסט גאָרנישט גליקלעך זיין?

עדה

אַליין! אָ, גאָט!
ווער קען אַליין זיין גליקלעך אָדער גוט?
אַליין זיין האַלט איך פאַר זינד, אַחוץ
ווען מ'טראַכט פון ברודער אונזערן און פון
די קינדער אונזערע און עלטערן,
וואָס כ'וועל דאָ זען באַלד.

לוציפער

דיין גאָט איז דאָך אַליין; נו, איז ער דען
אַ גליקלעכער — אַליין און גוט?

עדה

ער איז נישט גאָר אַליין; ער האָט
מלאכים און אויך שטערבלעכע, און ווערט,
פאַרשפרייטנדיק פיל פרייד, אַליין באַגליקט.
איז דען פאַראַן מער פרייד ווי שאַפן פרייד?

לוציפער

דו פרעג דיין פאָטער נאָר, נישט לאַנג צוריק
פאַרטריבן פון גן-עדן; צי זיין זון

דעם עלטסטן פרעג; פרעג אויך דיין אייגן האַרץ;
ס׳איז נישט באַרוט.

עדה

ניין, לײדער, ניין! — און דו,
ביסט דו פון הימל?

לוציפער

אויב כ׳בין עס נישט, פאָרש אויס
די אורזאַך פון דעם אַלפאַרשפרייטן גליק
(וואָס דו ליובסט שטאַרק) פון דעם אַלמעכטיקן
און גוטן שאַפער פון דאָס לעבן און
אַלצדינג; ס׳איז זיין געהיימניש, און ער האַלט
עס נאָר פאַר זיך. מיר מוזן דולדן בלויז!
כאָטש ס׳וואַגן איייניקע פון אונז אַמאָל,
נאָר שרפים זאָגן, אַז ס׳איז אַלץ אומזיסט; —
דאָך ס׳לוינט דער פאַרזוך, ווי לאַנג עס גיט
אין ערגעץ נישט קיין בעסער זאַך פון דעם.
אין גייסט איז חכמה דאָ, וואָס פירט צו רעכט,
אָט פונקט ווי אין דער טונקעלער בלויער לופט,
ווערט אייער אויג, איר יונגע שטערבלעכע,
באַלויכטן פלוצים פון דעם שטערן-שיין,
וואָס ווערט דעם מאָרגן צו באַגריסן פרי.

עדה

ער איז אַ שיינער שטערן; און איך ליב
אים פאַר זיין שיינקייט פיל.

לוציפער

פאַרוואָס נישט דינען אויך צו אים?

עדה

דער פאָטער אונזערער פאַרגעטערט בלויז
דאָס אומגעזעענע.

לוציפער

דאָך די סימבאָלן פון אומזיכטבאַרעס

זיי זענען גראָד דאָס ליבלעכסטע פון אַלץ
וואָס זיכטבאַר איז; און יענער העלער שטערן
איז פירער פון דעם גאַנצן הימל-רייך.

עדה

דער פאָטער זאָגט,
אַז ער האָט זעלבסט געזען גאָט, וואָס האָט
באַשאַפן אונזער מוטער און אויך אים.

לוציפער

האָסטו געזען גאָט?

עדה

געוויס, אין זיינע ווערק.

לוציפער

און אין זיין וועזן אויך?

עדה

דאָס נישט —
בלויז אין מיין פאָטער, וועלכער איז גאָטס בילד,
און די מלאכים, ענלעך פיל צו דיר —
און העלער, כאָטש נישט אויף אַזויפיל שיין
און מאַכטפול אין געשטאַלט: גראָד ווי די זון,
די שטילע, מיטאָג-צייט, פול ליכט, אַזוי
נאָך קוקן זיי אויף אונז; דאָך דו זעסט אויס
אָט ווי אַן עטער-נאַכט, ווען וואָלקנס, ווייס
און לאַנג, דעם טיפן פורפור שטרייפן דורך,
און שטערן צאָללאָזע באַצירן דעם
געהיימנישפולן וווּנדערבאַרן וועלב,
גלייך ווי זיי וואָלטן זונען זיין אַליין.
אַזוי אומצאָליק, שיין און ליבלעך שטאַרק,
נישט בלענדנדיק, דאָך ציען זיי מיך צו,
און מיינע אויגן גיסן טרערן דאַן,
ווען איך דערזע זיי, — און אַזוי טוסט דו,
זעסט אויס אומגליקלעך, — מאַך אונז נישט אַזוי,
און איך וועל וויינען צוליב דיר.

לוציפער

אוי, ווי! די דאָזיקע טרערן!
עס וועט נאָך פליסן, פליסן —

עדה

פון מיינע אויגן?

לוציפער

פון אַלעמענס.

עדה

וועם מיינסטו דאָס?

לוציפער

פון די מיליאָנען,
און די מיליאַסן! באַוווינער פון דער ערד —
און די פון וועלכע ס'וועט די ערד באַפרייט —
און די, וואָס פילן דעם גיהנם אָן,
די אַלע, אַלע — קינדער פון דיין טראַכט.

עדה

אָ, קין!
דער גייסט פאַרשעלט אונז בלויז.

קין

דו לאָז אים ווייטער רעדן;
כ'וועל גיין מיט אים.

עדה

וווהין?

לוציפער

ביז צו אַ פלאַץ,
פון וואַנען ער וועט קומען צוריק צו דיר.
אין בלויז אַ שעה אַרום; אין וועלכער ער
וועט אָבער זען זאַכן פון פיל יאָר.

עדה

ווי קאָן עס זיין?

לוציפער

צי האָט נישט אייער אַלבאַשאַפער פון
די אַלטע וועלטן אָט די נייע וועלט
באַשאַפן אויך אין בלויז געציילטע טעג?
און קאָן נישט איך, וואָס האָב געהאָלפן אים
אין זיינע ווערק אויך ווייזן אין איין שעה,
וואָס ער האָט אין אַפּולע אויפגעטון.
צי וואָס ער האָט אין ווייניקע צעשטערט?

קין

קום, ווייז דעם וועג.

עדה

וועט ער
באמת קומען אין אַ שעה צוריק?

לוציפער

ער וועט.
פאַר אונזער אַרבעט עקזיסטירט נישט צייט;
מיר קאָנען קאָנצענטרירן אייביקייט
און מאַכן זי פאַר איין-און-איינציק שעה,
און ציען אויס אַ שעה אין אייביקייט.
מיר אָטמען נישט די לופט נאָך מענטשן-מאָס —
נאָר דאָס איז אַ געהיימניש. קין, גו,
קום מיט מיט מיר.

עדה

וועט ער אויף זיכער קומען צוריק?

לוציפער

געוויס, אָ, פרוי!
זאָל ער, דער איינציקער, פון שטערבלעכע
(פיליכט מיט איין-און-איינציקן אויסנאַם)
פון דאָרטן קומען נאָך צוריק צו דיר,
כדי צו מאַכן יענע וועלט, וואָס וואַרט

אַ שווייגנדע באַפעלקערט ווי אָט די.
דערווייל איז נאָך דאָרטן כּמעט ווי לער.

עדה

און ווו ווױנסט דו?

לוציפער

אין גאַנצן רוים, ווו זאָל איך ווױנען?
ווו ס'ווױנט דיין גאָט, צי געטער — דאָרט בין איך:
איך האָב אַ חלק אין אַלצדינג; אין טויט
און לעבן, צייט און אייביקייט, און ערד
און הימל — און וואָס ס'איז נישט הימל און
נישט ערד, נאָר ס'איז באַווױנט פון יעניקע,
וואָס זענען דאָרטן שוין אַמאָל געווען
און אפשר אין דער צוקונפט דאָרטן זיין —
דאָס איז מיין רייך! איך טייל זיך גלייך מיט אים,
און האָב נאָך אויך אַ קעניגרייך פאַר זיך,
ווו ער האָט דאָרטן גאָר קיין חלק נישט.
ווען איך וואָלט נישט געווען וואָס איך האָב געזאָגט,
וואָלט איך געקאָנט דען שטיין דאָ איצט פאַר דיר?
אויך די מלאכים זיינע זעסטו דאָ.

עדה

זיי זענען דעמאָלט אויך געווען, ווען ס'האָט
דער שיינער שלאַנג מיט אונזער מוטער גאָר
צום ערשטן מאָל גערעדט.

לוציפער

קין! דו האָסט געהערט
אויב בענקסט נאָך וויסן, קאָן איך דאַן דיין דורשט
דיר שטילן; און פאַרלאַנג נישט, אַז דו זאָלסט
פאַרזוכן פון די פרוכט וואָס אפשר וועט
באַרויבן דיך פון רעשטל גוטס וואָס ס'האָט
געלאָזן דיר דיין האַר. נו, פאָלג מיר נאָך.

ק י ן

איך האָב עס, גייסט, אַזוי געזאָגט.

לוציפֿער און קין גייען אָפּ

ע ד ה

פֿאָלגט רופֿנדיק

קין! מיין ברודער! קין!

פֿ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט

ערשטע סצענע

דער אָפּגרונט פון רוים.

קין און לוציפער.

קין

איך טרעט אויף לופט און זינק נישט; דאָך האָב איך
שטאַרק מורא אפשר זינק איך פאָרט.

לוציפער

דו גלויב אין מיר, און ס'וועט די לופט דיך טראָגן,
ווייל איך בין פון דער לופט דער האַר.

קין

קען איך עס טאָן, און דאָך נישט גאָטלאָז זיין?

לוציפער

דו גלויב — און זינק נישט! צווייפל — און דו שטאַרבסט.
אַזוי וואָלט דיר דערקלערט דער אַנד'רער גאָט,
וואָס רופט מיך צווישן די מלאכים — שד;
צעטראָגן זיי דעם זעלבן וואָרט און קלאַנג
ביי מיזעראַבלע ברואים, וואָס פאַרשטיין
קיין זאַך, וואָס גייט אַרויס פון גרעניץ פון
די חושים זייערע, און פאַרערן בלינד
דאָס וואָרט, וואָס קלינגט אין זייער אויער אָפּ,
און רופן זאַכן אָן, אי גוט, אי שלעכט,

לויט זייער טעמפּן שפּלען באַגריף.
איך וויל קיין איינעם נישט פון אַזאַ מין:
צי דו פאַרערסט מיך אָדער נישט, דו זאָלסט
די וועלטן זען פון יענער זייט ווו ס'ליגט
דיין אייגן קליינע וועלט און דאָך נישט זיין
באַשטראָפט פון מיר פאַר צווייפלען אין אַלצדינג,
וואָס גייט אַרויס פון תּהום פון אָרים לעבן.
ס'וועט קומען נאָך אַ צייט, ווען ס'וועט אַ מענטש,
געוואָרפן אויף אַ שיינעם וואַסער-שטראָם,
צום צווייטן זאָגן: „גלויב אין מיר, און דו
וועסט אויף דעם וואַסער גיין", און זיכער וועט
דער צווייטער אויף די כוואַליעס גיין. איך זאָג
נישט „גלויב אין מיר" אַלס תּנאַי צו רעטן דיך;
דו פלי נאָר איצטער דורך מיט מיר דעם תּהום
פון רוים, און כ'וועל דיר ווייזן זאַכן, וואָס
דו וועסט נישט וואַגן לייקענען אין זיי —
געשיכטע פון דעם עבר, געגנוואַרט,
און פון די וועלטן אין דער צוקונפט ווייט.

קין

אָ גאָט, צי טייוול — וואָס דו זאָלסט נישט זיין —
איז דאָס אָ דאָרטן אונזער ערד?

לוציפער

דערקענסט דען נישט מער דעם שטויב פון וואָס
דיין פאָטער קומט אַרויס?

קין

צי קען עס זיין?
אָט יענער בלויער קרייז, וואָס שווינגט
זיך אום אין וויטן עטער דאָרט, און גלייך
נאָך אים נישט ווייט אַ קלענערער פון אים,
ווי דער וואָס לייכט אויף אונזער ערד ביינאַכט?
און דאָרט איז דער גן-עדן אונזערער?

ווּ זענען זיינע טויערן, און ד
וואָס היטן אים?

לוציפער

יאָ־יאָ, נו, ווייז מיר נאָר דאָס אָרט,
וואָס דו רופסט אָן גן־עדן.

קין

ווי קאָן איך דען? אָט ווי מיר פליען דאָ
אַזוי פאָרויס, ווי זונען־שטראַלן, ווערט
עס קליין און קלענער, ביז עס זאַמלט זיך
אַ ליכט־קרייז רונד אַרום זיך זעלבסט, ווי ס׳ליכט,
וואָס האָט באַשיינט דעם רונדסטן פון די שטערן,
וואָס כ׳האָב באַמערקט ביים טויער פון גן־עדן.
און ס׳דאַכט זיך מיר, ווען מיר דערווייטערן זיך
אַזוי פון זיי, אַז ביידע נענען זיך,
באַהעפטן זיך מיט אַלע אַנדערע שטערן
אָנצאָליקע, וואָס רינגלען אונז אַרום;
און ווי מיר גייען פאָרווערטס אָפּ פון זיי,
פאַרמערן זיי זיך נאָך מיריאַדנווייז.

לוציפער

און ווען עס זאָלן עקזיסטירן אויך
פיל וועלטן גרעסערע פון דיינער נאָך,
באַוווינט פון וועזנס גרעסערע, און זיי —
פיל רייכער און פיל מערער נאָך אין צאָל
פון גאָר דעם שטויב פון דיין באַגרענעצטער ערד,
און ס׳וואָלטן די אַטאָמען אויך געווען
באַזעלט, פאַרמערט, פאַרמשפּטע צום טויט
און עלנדקייט — וואָס וואָלסטו דאַן געדענקט?

קין

איך וואָלט געווען שטאָלץ מיט דעם געדאַנק,
וואָס וואָלט אַזוינס דערקענט.

לוציפער

דאָך ווי — ווען דער געדאַנק דער הויכער וואָלט

גע׳וועזן מיט שקלאַפֿ׳שן שטאָף געבונדן, און
פֿאַרשטייענדיק אַזעלכע זאַכן, און
אויך שטרעבנדיק צו זיי, און וויסנשאַפֿט
וואָס פֿירט נאָך העכער, ווייטער, וואָלט געווען
פֿאַרקניפּט מיט דער געמיינער נידריקער
באַדערפֿעניש, גאַנץ גראָב און שמוציק, און
דאָס שענסטע פֿון די פֿריידן דיינע וואָלט
אַ זיסע זעלבסדערנידערונג געווען,
אַן עקלדיקער און פֿאַרצערנדער
באַטרוג, דיך צו פֿאַרנאַרן צום באַשאַף
פֿון נייע קערפּער און נשמות, אויך
באַשטימט צו זיין אַזוי צעבראָכן, שוואַך, —
און ווייניקע פֿון זיי אַזוי באַגליקט —

ק י ן

גייסט!
איך ווייס נאָך גאָרנישט וועגן טויט, אַחוץ —
דאָס ס׳איז דער טויט אַן אימהדיקע זאַך,
פֿון וואָס די עלטערן פֿלעגן רעדן אָפֿט,
ווי פֿון אַ מוראַדיקער נחלה, וואָס
איך האָב פֿון זיי באַקומען, גראַדע ווי
דאָס לעבן — אַ ירושה גאָר אָן גליק,
וויפֿיל איך ווייס. דאָך, גייסט! אויב ס׳איז אַזוי
ווי דו האָסט מיר געזאָגט (און אינערלעך
פֿיל איך די ליידן, די פּראָפֿעטישע,
פֿון יענעם אמת שטאַרק) — דאַן לאָז מיך שוין
פֿיל גלייכער שטאַרבן דאָ! — ווייל כ׳דענק, אַז צו
געבוירן קינדער, וועלכע זאָלן בלויז
פֿיל יאָרן ליידן און פֿאַרגיין, הייסט בלויז
פֿאַרזייען טויט און מאַסן־מאָרד אויף דר׳ערד.

ל ו צ י פ ע ר

אינגאַנצן שטאַרבן קאָנסטו נישט — עטוואָס
אין דיר וועט בלייבן לעבן אייביק נאָך.

קין

דער אַנדערער האָט צו מיין פּאָטער נישט
גערעדט דערפון, ווען ער האָט אים פאַריאָגט
פון פאַראַדיז און טויט פאַרשריבן אויף
זיין שטערן. דאָך פאַרשווינדן מאַך פון מיר
וואָס שטערבלעך איז, דאָס איך זאָל מיטן רעשט
גלייך מיט מלאָכים זיין.

לוציפער

איך בין אַ מלאך: ווילסטו זיין ווי איך?

קין

איך ווייס נישט וואָס דו ביסט; איך זע דיין מאַכט.
און זע די זאַכן, וואָס דו ווייזט מיר דאָ
אַריבער מיינע כוחות, איבער אַלץ
וואָס איז מיט מיר געבוירן, כאָטש אַלצדינג
בלייבט הינטערשטעליק קעגן מיין פאַרלאַנג
און מיין באַגריף.

לוציפער

וואָס זענען זיי, וואָס זעען אויס גאָר שטאָלץ,
דאָך עניוודיק צו קאָנען ווינען מיט
די ווערים אויף דער ערד?

קין

און וואָס ביסטו, וואָס ווינט מיט שטאָלץ אינם גייסט,
און קאָנסט דורכדרינגען אייביקייט, נאָטור —
און קוקסט אויס אומעטיק, פאַרזאָרגט.

לוציפער

כ'קוק אויס אַזוי נאָר ווי איך בין;
דעריבער פרעג איך איצטער דיך, אויב דו
וואָלסט וועלן זיין פון די אומשטערבלעכע?

קין

דו האָסט מיר זעלבסט געזאָגט: צי כ'וויל, צי נישט —

איך מוז אומשטערבלעך זיין. איך האָב עס נישט
געוווסט ביז דאָ נישט לאַנג צוריק — דערפאַר
אויב ס'מוז אַזוי דאָך זיין, דאַן לאָז־זשע מיך,
צי ס'וועט מיר ברענגען אומגליק אָדער גליק,
אויך לערנען מיין אומשטערבלעכקייט פאָרויס
צו פילן.

לוציפער

דו האָסט עס שוין דערפאַרן איידער נאָך
איך בין צו דיר געקומען.

קין

אויף וועלכן אופן?

לוציפער

דורך ליידן.

קין

מוז ליידן דען אומשטערבלעך זיין?

לוציפער

יאָ, מיר און דיינע קינדער וועלן זען.
גאָר איצטער קוק און זע! איז דאָס נישט שיין?

קין

אָ, אומבאַגרייפלעך־שיינער עטער דו!
און איר זיך פיל־פאַרמערנדיקע וועלטן
פון גרויסער ליכט און גרעסער אָן אַ סוף!
וואָס זייט איר? וואָס איז אָט די ווילדערניש,
די בלויע, מיט איר אומבאַגרענעצטער לופט,
אַווו איר קייקלט זיך און וואַנדערט אום
גלייך ווי די בלעטער כ'האָב אַמאָל באַמערקט
אויפן קלאָרן וואַסער־שטראָם אין פאַראַדיז?
איז אייער לויף באַשטימט, באַגרענעצט אויך?
צי זייט איר אָן אַן אָפּהאַלט פריי, און לויפט
אָן אויפהער דורך דער לופט פון דעם וועלטאַל

פאַרשפרייט אָן גרעניץ, אָן אַן ענד — נאָך וואָס
עס ווייטיקט מיר מיין זעל, ווען כ'טראַכט פון דעם —
באַרוישט פון דעם געפיל פון אייביקייט!
אָ, גאָט, אָ, געטער! וואָס איר זאָלט נישט זיין!
ווי שיין איר זייט! ווי שיין ס'איז אייער ווערק,
דער צופאַל, אָדער וואָס עס זאָל נישט זיין, —
אָ, לאָזט מיך שטאַרבן, ווי אַטאָמען גלייך,
(אויב די אַטאָמען שטאַרבן) אָדער לאָזט
מיך קאָנען אייך, אין וויסן און אין מאַכט!
מיין זין פאַרטראָגט דאָס אַלץ צו זעען איצט,
הגם מיין גוף, מיין שטויב, איז שוואַך פאַר דעם;
אָ, גייסט! איך מוז דאָ שטאַרבן אָדער פיר
מיך נענטער צו צו זיי.

לוציפער

ביסטו נישט נענטער? בליק צוריק צו ד'ערד!

קין

ווו איז זי איצט? איך זע קיין זאַך, אַחוץ
פיל מחנות, מחנות ליכטער אָן אַ צאָל.

לוציפער

בליק דאָרט אַהין!

קין

איך זע זי נישט.

לוציפער

דאָך פינקלט זי נאָך אַלץ.

קין

אָ, יענע? דאָרט!?

לוציפער

געוויס.

קין

דו מיינסט באמת וואָס דו זאָגסט?

איך האָב געזען דאָך דעם גליוואָרם און
דעם פייערפליג אין קליינעם וואַלד און בײ
דעם גרינעם טייך אין גרויקן פאַרנאַכט
פיל העלער גלאַנצן ווי די ערד-וועלט דאָרט,
וואָס טראָגט און האַלט זיי אויף.

לוציפער

דו האָסט געזען ביידע גלאַנצן העל —
אי וועלטן, אי אויך שרצים, זאָג-זשע מיר
וואָס דענקסטו וועגן זיי?

קין

איך דענק, אַז יעדער אויף זיין אָרט איז שיין,
און דאָס די נאַכט, וואָס ביידן שיינקייט גיט.
דעם קליינעם פייערפליג אין פלינקן פלי,
און דעם אייביקן שטערן אין זיין גרויסן לויף, —
זיי ביידע מוזן ווערן גלייך געפירט.

לוציפער

דורך וועמען דאָך? דורך וואָס?

קין

דאָס וויל איך זאָלסט מיר ווייזן.

לוציפער

און וואַגסט עס דען צו זען?

קין

ווי ווייס איך דאָס פאָרויס?
ביז איצט האָסטו מיר נישט געוויזן נאָך
קיין זאַך, ווו ס'האָט מיר אויסגעפלט מיין מוט,
צו גיין מיט דיר פאָרויס.

לוציפער

דאַן קום מיט מיר.
ווילסטו איצט זאַכן שטערבלעכע נאָך זען,
צי די, וואָס שטאַרבן נישט?

קין

וואָס זענען זיי די זאַכן דען?

לוציפער

זיי זענען שטערבלעך און אומשטערבלעך אויך,
דאָך וואָס איז נענטער צו דיין האַרצן דיר.

קין

דאָס וואָס איך זע.

לוציפער

דאָך וואָס איז נענטער צו דיין האַרצן פאַרט?

קין

די זאַכן, וואָס איך האָב נאָך נישט געזען,
און ווי מען זאָגט: איך וועל זיי קיינמאָל זען —
דאָס זענען די געהיימנישן פון טויט.

לוציפער

זאָל איך דיר ווייזן זאַכן לאַנג שוין טויט,
ווי כ׳האָב דיר שוין געוויזן זאַכן פיל,
וואָס וועלן לעבן אייביק לאַנג?

קין

יאָ, טו אַזוי.

לוציפער

אויף אונז׳רע שטאַרקע פליגל דאַן אין וועג!

קין

אָ, ווי מיר שפּאַלטן איצט דאָס בלויע דורך!
די שטערן פליען פלינק פון אונז! די ערד —
ווו איז די ערד? דערלויב מיר נאָנט אַ בליק
צו טון, ווייל כ׳קום אַרויס פון איר.

לוציפער

דאָך דענק נישט, אַז דו קאָנסט אַנטרינען גאָר
פון איר; באַלד קערסטו זיך צוריק צו איר,

און צו איר שטויב; זי טיילט די אייביקייט
מיט דיר און אויך מיט מיר.

קין

ווי פירסטו איצטער מיך?

לוציפער

צו דאָס, וואָס איז געווען פאַר דיר!
צו אַ וויזיאָנען-וועלט, פון וועלכער ס'איז
דיין וועלט נישט מערער ווי אַ ברוך פון איר.

קין

ווי? איז זי דען נישט ניי?

לוציפער

נישט מערער ווי דאָס לעבן; און דאָס איז
געווען נאָך פריער פיל פאַר דיר, פאַר מיר,
און אַלע זאַכן, וועלכע זעען אויס
נאָך גרעסער מער פאַר אונז. עס וועלן אויך
פיל זאַכן בלייבן אייביק אָן אַן ענד;
און פיל וואָס וואָלטן זיך באַרימען, אַז
זיי האָבן גאָר קיין אָנפאַנג נישט געהאַט,
זיי האָבן אָנגעהויבן קליין ווי דו;
און זאַכן מעכטיקערע זענען שוין
פאַרניכטעט לאַנג, כדי צו מאַכן פלאַץ
פאַר אַנדערע פיל שוואַכערע פון זיי,
וואָס זענען איבער אונזערן באַגריף;
ווייל נאָר מאָמענט און רוים פון אייביק אָן
פאַרבליבן זענען אומפאַרענדערט גאָר.
דאָך ענדערונג מיינט נישט: עס שטאַרבט די זאַך,
די שטויב בלויז שטאַרבט; דאָך דו שטאַמסט אָפּ פון שטויב,
דערפאַר קאָנסטו באַגרייפן זאַכן בלויז,
וואָס קומען פון דעם שטויב אַרויס, אַזוינס
זאָלסטו איצט זען.

קין

שטויב, גייסט! איך קאָן פאַרנעמען וואָס דו ווילסט.

לוציפער

קום ווייטער דאַן!

קין

די ליכטער דאָך פאַרשווינדן פון מיר שנעל,
און אַנד׳רע ווידער ווערן גרעסער פיל,
ווי מיר דערנענטערן זיך; זיי זעען אויס
ווי וועלטן גלייך.

לוציפער

זיי זענען עס.

קין

און אויך גן-עדנס האָבן זיי?

לוציפער

ס׳קען מעגלעך זיין.

קין

און מענטשן אויך?

לוציפער

יאָ, אָדער וועזנס העכערע.

קין

אַזוי? און שלאַנגען אויך?

לוציפער

דו װאָלסט געוואָלט דער מענטש זאָל זיין אָן זיי?
עס זאָל קיין אַנדער לעבעדיקע זאַך
נישט זיין, אַחוץ פון די צווייפיסיקע?

קין

אַך, ווי די ליכטער שווינדן!
וווּ פליען מיר?

לוציפער

צום פֿאַנטאָם־רייך, צו וועזנס פֿון אַמאָל,
און וועלכע דאַרפֿן שאָטנס שפּעטער זיין.

קין

עס ווערט דאָך אָבער פֿינצטערער —
די שטערן זענען אויסגעלאָשן שוין!

לוציפער

דאָך זעסטו נאָך.

קין

וואָס פֿאַר אַ מוראדיקע ליכט!
נישט זון און נישט לבנה און אויך נישט
די שטערן אָן אַ צאָל. דאָס טיפֿע בלוי
פֿון פּורפּור־נאַכט פֿאַרגייט און שווינדט און שווינדט
אין אומעטיקן בין־השמשות־ליכט —
דאָך זע איך און דערקען געוואַלטיקע
און טונקעלע מאַסן; נאָר נישט ענלעך צו
די וועלטן, וואָס מיר האָבן דאָ דערגרייכט,
וואָס זייענדיק אַרומגעגורט מיט ליכט,
דערשיינען זיי פֿאַר אונז מיט לעבן פֿול,
אויך ווען עס שיידט זיך אָפּ פֿון זיי דאָס ליכט,
און ווייזן זיך אין פֿאָרמען אַלערליי,
מיט טיפֿע טאָלן און מיט הויכע בערג;
אַ טייל, וואָס שפּריצן פֿונקען אין דער לופֿט,
אַ טייל, וואָס ווייזן וואַסערן פֿאַרשפּרייט
אין ווייט, אין וועלטן אַנדערע — באַגורט
מיט ברייטע גאַרטלען ליכט, און האָבן אויך
לבנות שווימענדיקע נאָנט צו זיך
וואָס זענען שוין אַזוי ווי די פֿון ד׳ערד: —
אָנשטאָט זעט אַלצדינג אויס דאָ שוואַרץ, אַ שרעק.

לוציפע.

דאָך קלאָר.

האָסט דאָך געוווּנטשן אָנצוקוקן טויט
און טויטע וועזנס?

קין

איך ווינטש דאָס נישט; דאָך וויל איך וויס, אַז ס'איז
אַזוינס פאַראַן, און דאָס מיין פאָטערס זינד
האָט מיר און אים און אַלץ, וואָס קומט נאָך אונז,
דעם טויט געבראַכט, וואָלט איך געוואָלט כאָטש אויף
איין אויגנבליק אַ קוק טון אויף דאָס אַלץ
וואָס ס'איז מיר סוף־כל־סוף־באַשערט.

לוציפער

נו, קוק!

קין

בלויז טיפע פינצטערניש?

לוציפער

אַזוי וועט דאָס פאַרבלייבן אייביק לאַנג;
דאָך לאָמיר עפענען די טויערן!

קין

גוואַלטיק־גרויסע רויכן טיילן זיך
פונאַנדער — וואָס איז דאָס אַזוינס?

לוציפער

נו, קום אַריין!

קין

קאָן איך אויך גיין צוריק?

לוציפער

צוריק! געוויס! ווי דען־זשע זאָל דאָס לאַנד
פון טויט באַפעלקערט זיין? דאָס איצטיק לאַנד
איז קליין אַנטקעגן דעם וואָס וועט נאָך זיין,
דורך דיר און דייניקע.

קין

די וואָלקנס עפענען זיך ווייט און ברייט,
און לאָזן ברייטע קרייזן אַרום אונז.

ל ו צ י פ ע ר

פאָרויס!

ק י ן

און דו?!

ל ו צ י פ ע ר

זיי רויק — ווייל אָן מיר וואָלסטו גאָרנישט
געקאָנט אַרויס פון גרעניץ פון דיין וועלט.
פאָרויס! פאָרויס!

זיי פארשווינדן דורך די וואָלקנס

צווייטע סצענע

דער אפגרונט.

לוציפער און קין ס'עטן־אויף.

קין

ווי שטיל און, אך, ווי גרויס עס זענען אט
די טונקלע וועלטן דא! זיי זעען אויס
מער ווי איין וועלט, און פיל באוווינטער ווי
די גרויסע שטראלנדיקע קנוילן ליכט,
וואס האבן זיך געדיכט געשווונגען דארט
אין לופטן, און זיי האבן זיך פאר מיר
געוויזן מער ווי קלארע, לייכטנדע
באוווינער פון א הויך פאנטאסטישן הימל,
אנשטאט אליין צו זיין באזעצט, באוווינט;
נאר ווען איך קום אביסל נענטער צו
צו זיי, באמערק איך, ווי זיי וואקסן אויס
און ווערן ווי ממשותדיקער שטאף
ביז צו אומענדלעכקייט, וואס זעען אויס
באשאפן ליבערשט, אז דאס לעבן זאל
באוווינען זיי, ווי זיין דאס לעבן זעלבסט.
דאך דא איז אלץ נאר שאטנדיק און פול
מיט בין־השמשותדיקער ליכט, אזוי
אז ס'רעדט פון טעג פארגאנגענע.

לוציפער

דאס איז דאס קעניגרייך
פון טויט. — וואלסטו געוואלט דא איצטער זיין?

קין

איך קאָן נישט זאָגן, ביז
איך ווייס נישט וואָס דער טויט באמת איז.
דאָך אויב ס'איז אמת ווי מיין פאָטער האָט
אין זיינע דרשות אָפט דערקלערט, דאַן איז
דער טויט אַ זאַך — אָ, גאָט! איך וואַג גאָרנישט
צו רעכענען! זאָל פאַרשאָלטן זיין אָט דער,
וואָס האָט באַשאַפן לעבן, וואָס פירט צום טויט!
און אויך דער לעבנסשטאָף, — דאָס לעבן זעלבסט, —
וואָס קאָן נישט בלייבן, נאָר עס מוז פאַרגיין —
אפילו פון אומשולדיקע.

לוציפער

דיין פאָטער שעלסטו?

קין

האָט ער דען נישט געשאָלטן מיך מיט דעם,
וואָס ער האָט מיר געבורט געגעבן? האָט ער
דען נישט געשאָלטן מיך נאָך איידער ער
האָט מיר געבורט געגעבן, מיט דעם וואָס ער
האָט די פאַרבאָטענע פרוכט פון בוים געפליקט?

לוציפער

האָסט וואויל געזאָגט: די קללה איז פאַרטיילט
פאַר דיר און פאַר דיין פאָטער גלייך — דאָך וואָס
איז פאַר דיין ברודער און פאַר דיינע זין?

קין

זיי זאָלן מיט דער קללה טיילן זיך
מיט זייער פאָטער, ברודער און מיט מיר!
וואָס האָב איך אויסער דעם? איך לאָז זיי מיין
ירושה. — אָ, איר אומבאַגרענצטע און
טיף-טונקלע קעניגרייכן, איבערפילט
מיט שווימענדיקע שאָטנס אָלערליי

און ריזיקע געשטאַלטן, טייַלווייַז קלאָר
און שאַרף, און אַנדערע נישט גאַנץ קלאָר,
דאָך אַלע מעלַטיק מרה־שחורהדיק —
וואָס זייט איר? לעבט איר? האָט איר ווען געלעבט?

לוציפער

עטוואָס פון דעם און פון דאָס אַנדערע.

קין

וואָס איז דאַן טויט?

לוציפער

וואָס? האָט דען אייער שעפער אייך דאָס נישט
געזאָגט, אַז ס'איז אַן אַנדער לעבן?

קין

ביז איצט האָט ער נאָך גאָרנישט־נישט געזאָגט,
אַחוץ אַז אַלע מוזן שטאַרבן גלייך.

לוציפער

פּילייכט וועט ער דעם שפּעטערדיקן סוד
פאַר אייך ווען ס'איז אַנטפּלעקן אויך.

קין

זאָל גליקלעך זיין דער טאָג!

לוציפער

יאָ, גליקלעך! ווען אַנטפּלעקט,
דורך ווייטיק, ליידן אומאויסדריקלעכע,
באַלעסטיקט מיט יסורים אייביקע,
פאַר די אומצייליקע מיריאַדן, נאָך
באַוווסטלאָזע אַטאָמען, וועלכע וועלן
מיט לעבן זיין באַשענקט פאַר דאָס אַליין!

קין

וואָס זענען אָט די גרויסע שאָטנס, וואָס
איך זע דאָ שוועבן, שוועבן אַרום מיר?

די פאָרמען זייערע זענען גאָרנישט גלייך
צו יענע גייסטער, וועזנס, וואָס איך האָב
אַרום דעם פיל-געגאַרטן פּאַראַדיז,
פאַר מיר פאַרשלאָסן, דאָרט געזען, אויך זע
איך נישט אין זיי די פאָרמע פון דעם מענטש,
ווי כ'האָב געזען אין אָדמען, צי אין
מיין ברודער הבל, צי אין מיר אַליין,
צי אין מיין שוועסטער-פרוי, און אויך נישט אין
די קינדער; דאָך זיי זעען אויס מיר ווי
באַזעלט, גאָר נישט ווי ס'איז דער מענטש, צי ווי
דער מלאך, נאָר עס ווייזט ווי עטוואָס אויס,
אויב נישט צו אָט דעם לעצטן גלייך, איז ער
פיל העכער פון דעם ערשטן, פון דעם מענטש:
געוואַגט, דערהויבן, שיין און פול מיט קראַפט,
יאָ, כאָטש גאָר אומדערקלערבאַר אין געשטאַלט;
ווייל כ'האָב אַזעלכע קיינמאָל נישט געזען.
זיי טראָגן נישט דעם שרפס פליגל, נישט
דעם פנים פון דעם מענטש, און נישט די פאָרם
ווי פון דער מוראדיקסטער חיה, צי
פון וועלכער זאַך, וואָס אָטעמט ערגעץ איצט;
זיי זענען אָבער מעכטיק, שיין, גלייך ווי
די מעכטיקסטע און שענסטע, וועלכע לעבן,
און דאָך נישט גלייך צו זיי און אַנדערש פיל,
אַז כ'קאָן קוים רופן לעבעדיקע זיי.

לוציפער

זיי האָבן דאָך געלעבט.

קין

ווו?

לוציפער

וו דו לעבסט היינט.

קין

ווּ?

לוציפער

אויף דאָס וואָס דו רופסט ערד
האָבן זיי געוווינט.

קין

אָדם איז דער ערשטער.

לוציפער

פון דייניקע, כ'גיב צו, — דאָך קליין,
צו-נידעריק צו זיין פון זיי דער לעצטער.

קין

וואָס זענען זיי?

לוציפער

זיי זענען דאָס,
וואָס דו וועסט שפּעטער זיין.

קין

וואָס זענען זיי דאַן דאָך געוועזן?

לוציפער

געוועזן לעבעדיקע, דערהויבענע,
פאַרשטענדיקע און הערלעך, גוט און גרויס,
פיל העכער פון דיין פאָטער, אָדם, וואָס
האָט ווען געקאָנט אין דעם גן-עדן זיין,
אָט ווי דער זעכציק-טויזנטסטער געשלעכט
נאָך דיר, וועט זיין פיל גרעסער אויך פון דיר
און פון דיין זון, אפילו ווען דער דור
וועט פון דעם וועג אַראָפּ; און אויף וויפיל
זיי זענען שוואַך קענסטו דערפאַרן פון
דיין אייגן פלייש און בלוט.

קין

אוי-וויי איז מיר!
פארגאַנגען זענען אויך אָט די?

ל ו צ י פ ע ר

געוויס, פון זייער ערד, ווי דו וועסט ווען
אַמאָל פון דיין ערד אויך פאַרגיין.

קין

איז מיינע אויך געווען זייערס?

ל ו צ י פ ע ר

געוויס.

קין

דאָך נישט ווי איצט,
זי איז צו־קליין, צו־אָרים, צו פאַרטראָגן
באַשעפענישן ענלעכע צו זיי.

ל ו צ י פ ע ר

ס'איז וואָר, זי איז אַ שענערע געווען.

קין

פאַרוואָס איז זי געפאַלן דאָך?

ל ו צ י פ ע ר

פרעג א י ם, וואָס צעשמעטערט זיי.

קין

דאָך ווי האָט דאָס פּאַסירט?

ל ו צ י פ ע ר

דורך אַ צעשמעטערטער, צעווילדערטער
צעשטערונגס־ווערק און שטורם פון נאַטור,
וואָס האָט אַ וועלט ביז צו כאַאָס צעשטערט,
ווי ס'איז פון דעם כאַאָס אַ וועלט אַרויס:
אַזעלכע זאַכן, כאָטש אַ זעלטנהייט
אין צייט, פאַרמאָגט די אייביקייט דאָך אויך —
נו, קום און קוק אויף דער פאַרגאַנגענהייט.

קין

ס'איז מוראדיק!

לוציפער

דאָך אמתדיק. באַטראַכט די שאָטנס דאָ,
זיי זענען חומר אויך אַמאָל געווען,
ווי דו.

קין

און איך מוז ווערן אויך ווי זיי?

לוציפער

זאָל דיין באַשעפער ענטפערן דיר אויף אַלץ.
כ'וועל ווייזן דיר בלויז די פאַרגאַנגענע,
וועסט פילן וואָס זיי זענען אויך געווען.
אויף וויפל ס'וועט דערלויבן דיין געפיל,
און אויך דיין שוואַכער טייל אומשטערבלעכקייט,
פון הויכן זין און ערדערישער קראַפט.
די זאַך וואָס איר בשותפותדיק פאַרמאָגט
איז לעבן, אויך איז טויט אייך גלייך באַשערט!
דער יתרון, וואָס ס'איזביידע אייך געבליבן,
פון אייער אָרימער ירושה גייט
אויך מיט מיט ווערים, שרצים פון דער ערד,
וואָס קומען פון אַן אָפּגעזעצטן שלאָם
פון גאָר אַ מעכטיק שטאַרקער וועלט אַרויס,
צעברעקלט אין אַ נישט־פאַרענדיקטן
פלאַנעט, באַוווינט מיט מענטשן וועמענס פרייד
עס איז געווען אין בלינדקייט בלויז צו זיין —
אַן עדן פון אומוויסנהייט, וווּ וויסן
ווערט ווייט פאַרשטויסן גלייך ווי גיפט. דאַן זע
די הויכע וועזנס, וואָס זיי זענען איצט
און וואָס זיי זענען לאַנג צוריק געווען;
דאָך אויב ביסט מיד, דאַן קער זיך אום צוריק
צו ד'רערד, באַאַרבעט זי און היט זי אָפּ —
כ'וועל ברענגען דיך מיט זיכערהייט צוריק.

קין

ניין, ניין, איך בלייב אָט דאָ

לוציפער

ווי לאַנג?

קין

אויף אייביק! — אויב איך מוז
צוריק זיך קערן פון דער ערד אַהער,
ווייל איך שוין ליבערשט בלייבן איצטער דאָ;
כ׳בין מיד פון אַלץ, וואָס ס׳זעט מיין אויג אויף דר׳ערד —
ערלויב מיר וווינען צווישן שאָטנס דאָ.

לוציפער

ניין, ס׳קאָן נישט זיין. דו זעסט עס אַלץ איצט ווי
אַ וויזיע בלויז וואָס איז ווי ווירקלעכקייט.
כדי צו זיין באַרעכטיקט דאָ צו זיין
מוזט דו צוערשט אויך גיין דעם זעלבן וועג,
וואָס אַלע וועזנס וואָס דו זעסט פאַר דיר
דאָ זענען דורך — די טויערן פון טויט.

קין

דורך וועלכע זענען מיר אַריין?

לוציפער

דורך מיינעם! דאָך צו ברענגען דיך צוריק,
דאַן הויבט מיין גייסט דיך אויף, צו אָטעמען
אין רעגיאָנען, וווּ ס׳איז אָטעמלאָז
איעדע זאַך, חוץ דיר אַליין, קוק אָן,
זע אַלץ; דאָך דענק נישט צו פאַרבלייבן דאָ.

קין

ביז קומען וועט דיין שעה.
און ס׳קומען קיינמאָל נישט די דאָזיקע
צו ד׳ערד צוריק שוין מער?

לוציפער

פאַרשווונדן איז אויף אייביק שוין די ערד,

די זייערע! — אַזוי פֿאַרשווונדן דורך
דעם קאַמף. זיי וואָלטן איצטער קיינמאָל נישט
דערקענט קיין איין-און-איינציק נייעם אָרט
פֿון דער קוים-האַרט-געוואָרענער איבערפֿלאַך —
וואָס פֿאַר אַ שיינע וועלט זי איז געווען!

קין

און איז.

נישט מיט דער ערד לעב איך אין קאַמף, הגם
איך מוז איר שווער באַאַרבעטן; נאָר וואָס
איך קאָן איר שיינקייט נישט געניסן אָן
מיין מי, און קאָן מיט קיין שום וויסנשאַפֿט
צופֿרידנשטעלן מיינע טויזנטער
געדאַנקען, וועלכע ברענען מיר מיין מאַרך,
און קאָן נישט שטילן אויך די טויזנט זאָרגן
פֿון לעבן און פֿון טויט.

לוציפֿער

וואָס דיין וועלט איז דאָס זעסטו וויל, נאָר קענסט
גאָרנישט באַגרייפֿן אָט די שאָטנס פֿון
אַ וועלט וואָס איז געווען.

קין

און אָט די ריזיקע באַשעפֿענישן דאָ,
און שאָטנס הינטערשטעליק פֿיל (ווי ס'שיינט)
אין שכל פֿון די פֿריערדיקע וואָס
מיר זענען דאָ פֿאַרביי, און זעען אויס
כמעט ווי ווילדע איינוווינער פֿון גאָר
אַ טיפֿן וואַלד אויף ד'ערערד, און ברילן אין
דער נאַכט, — נאָר צען מאָל שרעקלעכער פֿון זיי
און גרעסער פֿיל; און העכער פֿיל פֿון די
גן-עדן-ווענט, באַוואַכט פֿון כרובים מיט
שאַרף-בליצנדיקע אויגן, ענלעך צו
די פֿלאַמען-שווערדן, וועלכע היטן זיי;

אוּן צײַנער אױסגעשטרעקט װי בײמער, װאָס
מען האָט פֿון זײ די צװײַגן זײערע
און קאָרע אָפּגעשײלט — װאָס זענען זײ
אַמאָל געװען?

לוציפער

דאָס, װאָס אױף דײַן װעלט איז די מאַמאָט; נאָר
די ערד דעקט צו מיריאַדן פֿון דעם מין.

קין

דאָך אױף דער ערד איז גאָר פֿון דעם נישטאָ.

לוציפער

נײן, װײַל דײַן שװאַכער מין װאָלט נישט געקאָנט
מיט זײ אין קאַמף זײַן לאַנג, די קללה װאָס
עס ליגט אױף אים װאָלט גוצלאָז דאַן געװען —
זײ װאָלטן אים פֿאַרטיליקט פּרי פֿון ד׳רערד.

קין

נאָך װאָס אין גאַנצן קאַמף און קריג?

לוציפער

דו האָסט פֿאַרגעסן דעם באַפֿעל, װאָס האָט
דײַן מין פֿאַרטריבן פֿון גן־עדן: קריג
מיט אַלץ, און טױט צו אַלץ, און קראַנקהײטן
פֿאַר מערסטע, און פֿיל װײ און ביטערקײט;
דאָס איז די פֿרוכט פֿון דעם פֿאַרבאָט׳נעם בױם.

קין

אױך חיות? האָבן זײ דען אױך פֿאַרזוכט
פֿון בױם, עס זאָל זײ זײַן באַשערט דער טױט?

לוציפער

דער שעפֿער אײַערער האָט אײַך געזאָגט,
זײ זענען דאָך פֿאַר אײַך געשאַפֿן פּונקט
װי איר געשאַפֿן זײַט פֿאַר אים. — איר װילט
דאָך נישט פֿאַר זײ אַ בעסער גורל װי

פאַר אייך? וואָלט אָדם נישט געפאַלן דאַן,
וואָלט איר דאָך איצט געהאַט אַ גוטן שטאַנד.

קין

אוי-ווי, אומגליקלעכע!
ווי זיינע קינדער, מוזן זיי אַ טייל
אויך האָבן אין מיין פּאָטערס גורל; אויך
ווי זיי, נישט האָבנדיק די פרוכט פאַרזוכט,
און אויך אַזוי, אָן פיל-באַצאָלטן וויסן!
ער איז אַ ליגנער-בוים פאַר אונז געווען, —
מיר ווייסן דאָך באמת גאָרנישט דאָך.
ער האָט פאַרשפּראָכן וויסן פאַרן פרייז פון טויט,
און טיפן וויסן: דאָך וואָס ווייסט דער מענטש?

לוציפער

פילייכט פירט טויט צום העכסטן גראַד פון וויסן;
און, זייענדיק פון אַלץ דאָס זיכערסטע,
דאַן פירט ער כאָטש צום אמתדיקן וויסן:
דערפאַר איז אמתדיק דער בוים געווען,
כאָטש סם-המוותדיק אַליין.

קין

די-אָ טונקעלע געגנטן!
איך זע זיי, דאָך איך קען זיי נישט.

לוציפער

ווייל ס'איז דיין שעה נאָך ווייט, און ס'קאָן דער גוף
נאָך נישט באַגרייפן גאָר דעם גייסט. דאָך ס'מיינט
שוין פיל צו וויסן, אַז זיי זענען דאָ.

קין

מיר האָבן שוין פון לאַנג געוווסט,
אַז טויט איז דאָ.

לוציפער

דאָך נישט וואָס ס'איז אויף יענער זייט פון טויט.

קין

אויך איצטער ווייס איך נישט.

ל ו צ י פ ע ר

איצט ווייסטו, אַז ס׳איז דאָ אַ וועלט אַחוץ
דיין אייגענע, און מערער נאָך — אָט דאָס
האָסטו הײַנט אין דער פרי נאָך נישט געוווסט.

ק י ן

דאָך אַלע זעען טרויריק אויס צו זיין
און שאָטנהאַפט.

ל ו צ י פ ע ר

דאָך האָב געדולד! ס׳וועט ווערן קלאָרער דיר
אַמאָל אין דיין אומשטערבלעכקייט.

ק י ן

און יענער אוממעסטבאַרער פליס׳קער רוים
פון גלאַנציקן אַזור, וואָס שוועבט אין הויך
דאָרט איבער אונז, וואָס קוקט ווי וואַסער אויס,
און שיינט פאַר מיר צו זיין דער טייך, וואָס פליסט
פון פאַראַדיז פאַרביי מיין אייגן הויז,
בלויז ברעגלאָז זעט ער אויס און אָן אַן ענד
און פון עטערישן קאָליר — אָ, זאָג
מיר וואָס ער איז?

ל ו צ י פ ע ר

עס איז אַזעלכער דאָ אויך אויף דער ערד,
דאָך קלענער פיל, און ס׳וועלן ביי זיין ברעג
די קינדער דיינע זיצן ווען — ער איז
אַ שאָטן פון אַן אָקעאַן.

ק י ן

ס׳איז ווי אַן אַנדער וועלט, אַ פליס׳קע זון —
און יענע גרויסע חיות דאָרטן, וואָס
שפילן זיך אויף דער ליכט׳קער פלאַך?

ל ו צ י פ ע ר

דיי זענען די באַוווינער דאָרט,
אָט די לוויתנס פון אַמאָל.

קין

און יענער גרויסער שלאַנג,
וואָס שטעקט אַרויס זיין נאַסע האָר און קאָפּ,
געוואַלטיק גרויס און צען מאָל העכער פון
דעם העכסטן צעדערבוים, פון אָפּגרונט דאָרט,
און ס'זעט אויס ווי ער וואָלט זיך קנוילן נאָר
געוואָלט אַרום די גרויסע רעדער, וואָס
מיר האָבן דאָ נישט לאַנג געזען — איז ער
דען נישט פון זעלבן מין, וואָס האָט זיך דאָרט
געוואַרעמט אונטערן בוים אין פּאַראַדיז?

לוציפער

דיין מוטער, חוה, ווייסט צום בעסטן דיר
צו זאָגן, וועלכער שלאַנג האָט איר פאַרפירט.

קין

אָט יענער שלאַנג זעט אויס מאוימדיק.
געוויס האָט יענער שיינקייט מער געהאַט.

לוציפער

דו האָסט אים קיינמאָל נישט געזען?

קין

אַסך פון זעלבן מין (צי ווי ער הייסט),
דאָך קיינמאָל נישט אַזוי ווי דער, וואָס האָט
צום אומגליקס-בוים פאַרפירט, און איז אויך נישט
פון זעלביקן געשטאַלט.

לוציפער

האָט אים דיין פאָטער נישט געזען?

קין

ניין, ס'האָט מיין מוטער אים גערייצט, ווי ס'איז
מיין מוטער פון דעם שלאַנג פאַרפירט געוואָרן.

לוציפער

מיין פריינד! ווען ס'וועלן דיין ווייב, צי דיינע שניר

דיך, אָדער דייַנע זין צו עטוואָס רייַצן —
צו פרעמדס, צו נייַ — געפין דאַן אויס צוערשט
ווער ס'האָט זיי ערשט אַליין גערייצט.

קין

דיין עצה קומט צו־שפעט: עס טרעפט נישט מער,
אַז שלאַנגען זאָלן פרויען איצט פאַרפירן.

לוציפער

עס זענען אָבער דאָ נאָך זאַכן פיל
צו וועלכע ס'קאָן דאָך צורעדן די פרוי
דעם מאַן, און מאַן אויך צורעדן דער פרוי: —
עס זאָלן דיינע קינדער נעמען עס
אין אַכט! מיין עצה איז אַ פריינדלעכע;
ווייל כ'גיב איר אויף מיין אייגענער רעכענונג:
ס'איז וואָר מען וועט נישט פאָלגן סיי־ווי־סיי —
נו, לייד איך גאָר קיין היזק נישט דערפון.

קין

עס איז מיר שווער דיך צו פאַרשטיין.

לוציפער

ביסט גליקלעכער דערפאַר! —
דו ביסט, ווי אויך דיין וועלט, צו יונג! דו דענקסט,
דו ביסט דער ערגסטער און אומגליקלעכסטער:
צי דענקסט דו דען נישט אויך אַזוי?

קין

איך ווייס נישט, אויב איך האָב אויף זיך פיל זינד;
יסורים אָבער האָב איך גאָר אַ סך.

לוציפער

דו בכור צו אָדמען, דעם ערשטן מענטש!
דיין איצט'קער גראַד פון זינד — (און דו ביסט שלעכט),
פון ליידן — (און דו ליידסט), זיי זענען עדן
אין זיין פול אומשולד אין פאַרגלייך מיט דעם.

וואָס דו וועסט גאָר אין גיכן זיין; און אָט
דער צושטאַנד ווידער, — אין זיין שווערער לאַסט —
אַ פּאַראַדיז צו דעם, וואָס ס'וועלן טון
און ליידן דיינע קינדס-קינדערס קינדער,
דורך דורות זיך פאַרמערט ווי זאַמד און שטויב,
וואָ,ס מערט און מערט זיך אויף דער ערד דורך זיי;
נו קום צוריק צו ד'ערד!

קין

דערפאַר האָסטו מיך עס געבראַכט אַהער
צו לערנען בלויז אָט דאָס?

לוציפער

איז קענטניש נישט געווען דען דיין ווונטש?

קין

געוויס, אַלס וועג צו גליק.

לוציפער

אויב אמת איז דער וועג,
דאַן האָסטו אים.

קין

דאַן האָט מיין פאָטערס גאָט דאָך גוט געטון,
ווען ער'ט פאַרבאָטן אים דעם אומגליקס-בוים.

לוציפער

וואָלט בעסער נאָך געטון, ווען ער וואָלט אים
גאָרנישט פאַרפלאַנצט. און דאָך — נישט וויסן שלעכטס
פאַרהיט נאָך נישט פון שלעכטס; דאָס שלעכטס מוז גיין
זיין גאַנג, און זיין אַ טייל פון אַלץ.

קין

ניין, נישט מיט אַלע ברואים, ניין!
איך וויל נישט גלויבן — וויל איך דורשט נאָך גוטס.

לוציפער

און ווער און וואָס דורשט נישט נאָך גוטס? ווער שטרעבט

דען שלעכטס טון פאַר דער ביטערקייט אַליין?
גיין, — קיינער נישט! שלעכטס איז דער זויערטייג
פון לעבן און פון לעבנלאָזיקייט.

קין

און יענע שטראַלנדיקע ספערן, וואָס
מיר האָבן אָנגעקוקט, אין ווייטער ווייט,
די פינקלענדע, אין אומבאַגרענעצטער צאָל,
בעפאָר מיר זענען דאָ, אין שאָטן-רייך
אַראָפּ; אַהין קאָן זיכער נישט קיין שלעכטס
אַריין: זיי זענען צופיל שיין.

לוציפער

דו האָסט זיי בלויז געזען פון דער ווייט —

קין

איז וואָס?
די ווייטקייט קען בלויז מינדערן די פראַכט;
זיי מוזן זיין געוואַלטיק שיין, ווען נאָנט.

לוציפער

דערגרייך די שענסטע זאַכן אויף דער ערד,
און אורטייל זייער שיינקייט פון דער נאָנט.

קין

איך האָב עס שוין געטון —
דאָס ליבלעכסטע פון וואָס איך ווייס איז נאָנט
אַמליבלעכסטן.

לוציפער

עס מוז דאָך זיין אילוזיע. — וואָס איז דאָס,
וואָס ווען עס איז אַמנאָנטסטן צו דיין אויג
איז שענער ווי דאָס שיינע פון דער ווייט?

קין

עס איז מיין שוועסטער עדה. —
די אַלע שטערן אין דעם הימל, און

דאָס טיפע בלוי ביינאַכט, פון לבנה בלאַס
באַשטראַלט, וואָס זעט אויס ווי אַ גייסט, צי ווי
אַ וועלט, ווו ס׳וווינט דער גייסט, — די פּאָרמען פון
פּאַרנאַכט — דער שטראַלנדיקער זון-אויפגאַנג —
זיין אומבאַשרייבלעכער פאַרגאַנג, וואָס פּילט
מיט פריידיקע טרערן מיינע אויגן אָן,
ווען כ׳קוק עס צו און פיל ווי שטיל עס פליסט
מיין האַרץ מיט אים ביים וואָלקן-פּאַראַדיז
אין מערב-זייט — דער שאָטנדיקער וואַלד —
די גרינע צווייג — דעם פויגלס צאַרטע שטים —
דער אָוונט-פויגל, וואָס פון ליבע זינגט,
און האַרמאָנירט מיט דעם מלאכים-שיר,
ווען זון פאַרגייט און ס׳שליסט זיך צו דער טאָג
איבער די מויערן פון דעם גן-עדן: —
דאָס אַלץ איז גאָרנישט אין מיין אויג און האַרץ,
ווען כ׳גלייך זיי צו צו עדהס ליב געזיכט:
איך לאָז דעם הימל און די ערד צורו
און קוק איר אָן.

לוציפער

זי איז בלויז שיין ווי שוואַכע שטערבלעכקייט,
אין ערשטער בליונג פון דעם יונגן באַשאַף,
און פריעסטע אומאַרמונג אויף דער ערד
פון מאַן און ווייב; — דאָך ס׳איז אילוזיע אַלץ.

קין

דו דענקסט אַזוי, נישט זייענדיק צו איר
אַ ברודער.

לוציפער

אָ, מענטש, איך בין אַ ברודער בלויז צו די,
וואָס האָבן גאָר קיין קינדער נישט.

קין

דאַן קענסטו נישט קיין חבר מיט אונז זיין.

לוציפער

און אפשר וועלן דיינע ווען אַמאָל
געהערן מיר. דאָך אויב פֿאַרמאָגסט אַ ווען
פיל שענער פון דאָס שענסטע אין דיין אויג,
פֿאַרוואָס-זשע פילסטו אַזוי עלנד דאָך?

קין

פֿאַרוואָס לעב איך?
פֿאַרוואָס ביסטו, און אַלץ, פון גליק באַרויבט?
אפילו ער, וואָס האָט אונז אַלעמען
באַשאַפן, מוז אַליין אומגליקלעך זיין,
אַלס דער באַשאַפער פון אומגליקלעכע!
צו שאַפן אונטערגאַנג קען קיינמאָל זיין
די ווערק פון פרייד; און דאָך איז ער, ווי זאָגט
מיין פאָטער, — דער אַלמעכטיקער: פֿאַרוואָס
דאַן עקזיסטירט דאָס שלעכטס — ווען ער איז גוט?
איך האָב מיין פאָטער דאָך געפרעגט; און ער
האָט מיר געזאָגט, ווייל ס'מאַכט דאָס שלעכטס אַ וועג
צו גוטס. וואָס פֿאַר אַ מאָדנע גוטס, וואָס דאַרף
אַנטשטיין פון שלעכטס: איך געגנערשאַפט, וואָס שרעקט
מיט טויט! נישט לאַנג צוריק האָב איך באַמערקט
אַ לעמעלע געביסן פון אַ שלאַנג;
דער אָר'מער זויגלינג איז מיט שוים אין מויל
געלעגן אויף דער ערד; און קלאָגנדיק
געמעקעט האָט די מוטער איבער אים
אומזיסט אין טיפן צער. מיין פאָטער האָט
דאַן אויסגעריסן קרייטער פון דעם פעלד
און צוגעלייגט צום וווּנד; און ביסלעכווייז
האָט באַלד די אָרעמע באַשעפעניש
איר זאָרגלאָז לעבן געוווּנען אויף דאָס ניי,
זיך אויפגעשטעלט גענומען זויגן פון
דער מוטערס מילך; און זי איז פול מיט פרייד

אַ ציטער'נדע געשטאַנען און געלעקט
די אויפגעלעבטע גלידער פון איר קינד.
„נו, זע, מיין זון!" האָט אָדם דאַן געזאָגט,
„ווי ס'קומט פון שלעכטס דאָס גוטס אַרויס!"

לוציפער

און וואָס האָסטו דערויף געזאָגט?

קין

קיין וואָרט נישט; ווייל ער איז מיין פאָטער. דאָך
איך האָב געטראַכט, אַז ס'וואָלט שוין גלייכער פיל
פאַר דער באַשעפעניש געווען, ווען זי
וואָלט גאָר געביסן נישט געוואָרן, ווי
איר נישטיק לעבן קריגן אויף דאָס ניי
מיט אומרחמנותדיקן וויי און לייד,
הגם דורך געגנמיטלען איינגעשטילט.

לוציפער

דו זאָגסט דאָך אָבער, אַז
פון אַלע ליבסטע זאַכן ליבסטו זי,
וואָס האָט דיין מוטערס מילך מיט דיר געטיילט,
און גיט איר מילך אויך דיינע קינדער היינט! —

קין

געוויס!
וואָס וואָלט איך דען געווען אָן איר?

לוציפער

און וואָס בין איך?

קין

דו ליבסט קיין זאַך דען נישט?

לוציפער

און וואָס ליבט דען דיין גאָט?

קין

מיין פאָטער זאָגט ער ליבט אַלצדינג; דאָך כ'בין

זיך מודה, כ'זע עס נישט אַרויס דאָ אין
דעם מזל זייערן.

לוציפער

דערפֿאַר אויך זעסטו נישט, אויב איך האָב ליב
צי נישט, אַחוץ גאָר-גאָר אַ גרויסע זאַך
פון אַלגעמיינעם צוועק, פֿאַר וועלכן ס'מוז
דער יחיד שמעלצן גלייך ווי שניי.

קין

ווי שניי? און וואָס איז דאָס?

לוציפער

זיי גליקלעך, וואָס דו ווייסט נישט דאָס
וואָס ס'וועלן דיינע קינדער דאַרפֿן נאָך
אין לעבן ווען דערפֿאַרן; און וואָרעם זיך
שוין בעסער אין אַ ווינטערלאָזער לופֿט.

קין

דאָך ליבסטו נישט קיין זאַך, וואָס האָט צו דיר
אַן ענלעכקייט?

לוציפער

און ליבסטו דיך אַליין?

קין

יאָ, כ'ליב נאָך אָבער מערער דאָס וואָס מאַכט
מיר מיין געפֿיל דערטרעגלעכער, און איז
נאָך מער פֿאַר מיר אַליין, ווייל כ'האָב עס ליב.

לוציפער

דו ליבסט עס, ווייל ס'איז שיין, ווי ס'איז געווען
דער עפּל אין דיין מוטערס אויג; און ווען
ס'הערט אויף צו זיין מער שיין, הערט אויך
דיין ליבע אויף, ווי יעדע לוסט.

קין

הערט אויף זיין שיין! ווי קען עס זיין?

לוציפער

דורך צייט.

קין

דאָך ס'איז פיל צייט פאַרגאַנגען, און ביז איצט
נאָך זענען אָדם און מיין מוטער שיין:
נישט שיין ווי עדה און די שרפים —
דאָך שיין.

לוציפער

דאָס אַלעס מוז פאַרגיין,
ביי זיי ווי אויך ביי איר.

קין

עס טוט מיר לייד; דאָך דענק איך נישט,
אַז כ'ליב איר ווייניקער דערפאַר.
און ווען איר שיינקייט שווינדט, דאַן דוכט זיך מיר
וועט ער, וואָס שיינקייט שאַפט, פאַרלירן מער
פאַר מיר, וואָס וועט זיין ווערק פאַרניכטעט זען

לוציפער

יאָ, איך באַדויער דיך, פאַרוואָס דו ליבסט
אָט דאָס וואָס מוז פאַרגיין,

קין

און איך באַדויער דיך, וואָס דו האָסט קיין
שום זאַך נישט ליב.

לוציפער

נו, און דיין ברודער — איז דען נישט דיין האַרץ
אים נאָענט?

קין

פאַרוואָס דען נישט?

לוציפער

דיין פּאָטער ליבט אים שטאַרק — און אויך אַזוי
ליבט אים דיין גאָט.

קין

אַזוי אויך איך.

לוציפער

ס'איז שיין און עניוותדיק פון דיר.

קין

גאָר עניוותדיק?

לוציפער

ער איז דער צווייטער זון אין בלוט און פליישׁ
און איז דער מוטערס ליבלינג-קינד.

קין

נו, זאָל אים ווייל באַקומען דאָס צו זיין,
סיי־ווי האָט זי צוערשט דעם שלאַנג געליבט.

לוציפער

איז ער זיין פּאָטערס ליבלינג אויך?

קין

וואָס האָט עס אַלץ מיט מיר צו טון? זאָל איך
נישט ליבן דאָס וואָס אַלע האָבן ליב?

לוציפער

און אויך יעהאָוואַ — אָט דער ליבער האַר,
אויך ער, קוקט הבלען ליב מיט שמייכל אָן.

קין

איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען, און ווייס
נישט צי ער שמייכלט אָדער נישט צו אים.

לוציפער

האָסט די מלאכים זיינע דאָך געזען.

קין

זעלטן ווען.

לוציפער

דאָך אָפּט גענוג, אום צו באַמערקן, אַז
זיי האָבן אים, דיין ברודער, ליב;
זיי נעמען די קרבנות זיינע אויף.

קין

אַזוי אָ זענען זיי! נאָך וואָס
גאָר רעדסטו מיר דערפון?

לוציפער

ווייל דו האָסט שוין פון דעם אַליין געדאַכט.

קין

און אויב אפילו יאָ, פאַר וועלכן צוועק
דערמאָנען אַ געדאַנק, וואָס — — —

ער האַלט זיין אינערלעכע רעגונג איין

אָ, גייסט! מיר זענען דאָך אין דיין וועלט איצט,
נו, רעד-זשע נישט פון מיינער. ווייזט מיר דאָ
פיל וווּנדער: ווייזט מיר דאָ געוואַלטיקע
פרע-אָדמיטן, וועלכע האָבן לאַנג
געוואַנדלט אויף דער ערד פון וועלכער ס'איז
די ערד, די אונזערע, בלויז ברוך; דו האָסט
מיר אָנגעוויזן שטערן-וועלטן אין
מיריאַדן, וואָס עס גייט זיי נאָך, גלייך ווי
אַ חבר פון דער ווייט, אויך אונזער ערד,
די טריבע, אין דער אייביקייט פון אַלץ:
האָסט מיר געוויזן שאָנג פון דאָ-זיין
מיטן שרעקנס-וואָרט, וואָס ס'האָט מיין פאָטער אונז
געבראַכט — דעם טויט; דו האָסט מיר פיל געוויזן —
נישט אַלץ דאָך: ווייז מיר ווו יעהאָוואַ וווינט,
אין זיין גן-עדן — צי אין דיינעם גאָר.
ווו איז עס ווו?

לוציפער

דאָ אין דעם גאַנצן רוים.

קין

דאָך איר
האָט צוגעטיילטן וווינונגס־אָרט — ווי אַלץ;
ווי שטויב — די ערד, און אַנד'רע וועלטן — די
וואָס וווינען דאָרט אויף זיי; און אַלץ, וואָס האָט
אין זיך אַ צייטלעכע נשמה, האָט
זיך דאָך אַן אייגן וועלט; און זאַכ', וואָס
פאַרמאָגן שוין נישט אונזער אָטעם לאַנג,
דאָך האָבן זיי ערן, האָסטו מיר געזאָגט;
אַזוי יעהאָוואַ אויך, אַזוי אויך דו
דאָס דייניקע — איר וווינט צוזאַמען דען?

לוציפער

ניין, כאָטש מיר הערשן ביידע גלייך,
דאָך וווינען מיר צעשיידט.

קין

הלוואי וואָלט פון אייך ביידן איינער בלויז
געווען! פיליכט די אחדות פאַר איין צוועק
וואָלט אייניקייט אין עלעמענטן דאַן
געבראַכט, וואָס שטויסן זיך צוזאַמען איצט
מיט שטורם. ווי קומט עס גייסטער ווי איר זייט,
אי קלוג, אי ענדלאָז, זאָלן קענען גאָר
זיך שיידן? זייט איר נישט ווי ברידער דען
אין וועזן, אין נאַטור און אויך אין פראַכט?

לוציפער

ביסט נישט הבלס ברודער?
מיר זענען ברידער, יאָ.

קין

און וועלן אויך עס בלייבן; און אַז ס'וואָלט

אַזוי־אָ נישט געווען — איז גייסט דען גלייך
צו פלייש? קען ער צעפאַלן ווען עס איז?
אומענדלעכקייט מיט דער אומשטערבלעכקייט?
פאַרוואַנדלען רוים אין עלנדקייט —
נאָך וואָס?

לוציפער

צו הערשן.

קין

צי האָסטו מיר דען נישט געזאָגט,
אַז איר לעבט אייביק ביידע גלייך?

לוציפער

געוויס.

קין

און יענע בלויע וויטקייט, וואָס
איך האָב געזען, איז טאַקע אָן אַן ענד?

לוציפער

געוויס אַזוי.

קין

נו, קענט איר נישט געוועלטיקן
דאַן ביידע גלייך? — עס איז דען נישט גענוג
פאַר אייך? — נאָך וואָס־זשע אַמפּערט איר זיך גאָר?

לוציפער

מיר הערשן ביידע גלייך.

קין

דאָך איינער פון אייך ביידע שאַפט דאָס שלעכטס.

לוציפער

וועלכער?

קין

דו!

ווײל אויב דו קענסט טון גוטס,
פֿאַרוואָס־זשע טוסטו נישט?

לוציפֿער

פֿאַרוואָס טוט ער עס נישט? איך האָב אײך נישט
באַשאַפֿן; איר זײט זײַנע ברואים דאָך,
נישט מײַניקע.

קין

זאָל זײַן מיר זענען זײַנע, ווי דו זאָגסט,
דאָך ווײַז מיר ווו דו הױנסט צי וווּ ער ווױנט.

לוציפֿער

איך קען דיר בײדנס ווײַזן! דאָך עס וועט
די צײַט אויך קומען, און וועסט אײנעמס בלויז
אויף אײביק זײַן.

קין

פֿאַרוואָס נישט איצט?

לוציפֿער

דײַן גײַסט, דער מענטשלעכער, אָן קראַפֿט, קען קוים
באַגרײַפֿן בלויז דאָס ביסעלע, וואָס איך
האָב דיר געוויזן, מיט רויקן און אויך
מיט קלאָרן דענקען, ווילסטו וויסן גאָר
די גרויסע טאָפּעלע געהײמנישן!
די צווײ פּרינציפּן! און דו ווילסט זײ זען
אויף זײערע געהײמע טראָגנען! — שטויב!
צוים דײַן אַמביציע אײַן; כּדי זאָלסט זען
אפֿילו אײנס פֿון זײ מוזטו פֿאַרגײן!

קין

איך מוז זײ זען, און מעג איך אויך פֿאַרגײן!

לוציפֿער

עס רעדט אַזוי דער זון פֿון יענער, וואָס

האָט פון דעם בוים דעם עפּל אָפּגעפּליקט!
דו וועסט פאַרגיין און דאָך נישט זעען זיי;
דאָס בלייבט פאַר יענער וועלט.

קין

פאַר יענער טויטער וועלט?

לוציפער

טויט איז דאָס פאָרשפּיל בלויז.

קין

דאַן האָב איך מורא וויניקער פאַר דעם,
וואָס כ׳ווייס עס פירט צו עטוואָס קלאָר באַשטימט.

לוציפער

כ׳וועל פירן דיך איצט צו דיין וועלט צוריק,
פאַרמער דאָרט דאָס געשלעכט פון אָדמען,
דו עס און טרינק און אַרבעט, שרעק זיך, לאַך,
און וויין און שלאָף און שטאַרב.

קין

צו וועלכן צוועק האָב איך דען אָנגעקוקט
די זאַכן, וואָס דו האָסט מיר אָנגעצייגט?

לוציפער

האָסטו דען נישט די קענטעניש באַגערט?
און האָב איך נישט געהאָלפן דיר דורך דעם
דאָ אַלץ, צו קאָנען זיך אַליין פאַרשטיין?

קין

אוי, וויי! איך האָב דאָך גאָר קיין ווערט.

לוציפער

און דאָס זאָל איצטער זיין דיין מענטשלעכער
סך-הכל פון דיין קענטעניש, צו וויסן
די נישטיקייט פון אָט דעם מענטשן-מין;
גיב איבער צו די קינדער אָט דאָס וויסן,
און ס׳וועט זיי שפּאָרן ליידן פיל.

קין

דו שטאָלצער גייסט!
דו רעדסט מיט שטאָלץ, דאָך דו אַליין, כאָטש שטאָלץ,
האָסט נאָך אַ העכערן פון דיר.

לוציפער

ניין, ניין! איך שווער ביים הימל וואָס ער האַלט, —
ביים אָפּגרונט און ביי דער אומענדלעכקייט
פון וועלטן און פון לעבן וואָס איך האַלט
מיט אים און האָב אַ דעה גלייך — ניין, ניין.
ער איז מיין זיגער — יאָ; דאָך קיינמאָל נישט
מיין הערשער. אַלע בוקן זיך צו אים —
דאָך קיינמאָל איך: איך קעמף אַנטקעגן אים,
ווי כ'האָב געקעמפט אין העכסטן הימלס הויך.
אָט דורך דער גאַנצער אייביקייט, און דורך
די טיפסטע גרונטן פון גיהנם-תהום,
און דורך די אומבאַגרענעצטע וועלטן פון
דעם רוים, און דורך אומענדלעכקייט פון צייט,
וועל איך באַשטרייטן אים אין אַלץ, אין אַלץ!
און וועלטאַל מיט אַ וועלטאַל זאָלן אין
דער וואָגשאָל ציטערן ביז ס'וועט דער קאַמף,
דער גרויסער, זיין צו ענד, אויב ער וועט ווען
אַמאָל זיך ענדיקן — וואָס ס'וועט אַזוי
נישט זיין, ביז ער צי איך פאַרניכטעט ווערט!
און וואָס קען דען פאַרניכטן אונזערער
אומשטערבלעכקייט, צי אונזער טאָפּל-האַס,
דעם אומפאַרניכטבאַרן? ער, זייענדיק
דער זיגער, רופט ער דעם באַזיגטן — בייז;
דאָך וואָס וועט זיין דאָס גוטע, וואָס ער גיט?
וואָלט איך געווען דער זיגער, וואָלטן דאַן
אויך זיינע ווערק באַטראַכט געווען פאַר שלעכט
און איר, די נייע קוים-געבוירענע

אומשטערבלעכע, וואָס האָט ער דען ביז איצט
פאַר אַ מתנות אייך געשענקט שוין דאָ
אויף אייער קליינער וועלט?

קין

גאָר קנאַפּ; און פיל פון זיי בלויז ביטערע.

לוציפער

צוריק מיט מיר דאַן צו דיין ערד, פאַרזוך
דאָס רעשטע פון זיין הימלס-שפע, וואָס
ס'איז דיר און אייך באַשערט. דאָס שלעכטס און גוטס —
זיי זענען גוט און שלעכט פאַר זיך אַליין,
נישט דורך דעם געבער ווערן זיי אַזוי;
גיט ער אייך גוטס — דאַן דאַנקט איר אים דערפאַר;
קומט שלעכטס פון אים, דאַן זאָגט נישט, אַז ס'איז מיינס,
ביז וואַנען איר דערקענט דעם וואָרן קוואַל;
און אורטיילט נישט קיין זאַך בלויז נאָך דאָס וואָרט,
ווען ס'קומט אפילו פון דעם גייסט אַליין,
נאָר נאָך די פרוכט פון אייער עקזיסטענץ,
ווי ס'מוז צו זיין. איין גוטע זאַך האָט דאָך
דער אומגליקס-עפל אייך געשענקט — פאַרנונפט:
נאָר לאָז נישט זי זאָל ווערן ווען פאַרשקלאַפט
פון מערדערישן שרעק צו צווינגען דיך
צו גלויבן אין אַזעלכע זאַכן בלויז,
וואָס זענען קעגן אויסערלעכן זין
ווי אויך אַנטקעגן אינערלעך געפיל
דו דענק און האָב געדולד. — און שאַף זיך איין
אין אייגן האַרץ אַן אינערלעכע וועלט —
אַוווּ די אויסערלעכע האָט קיין ווערט;
דאַן ווערסטו נענטער צו דער גייסטיקער
נאַטור, און טריומפירסט אין קאַמף אויך מיט
דיין אייגענער.

זיי פאַרשווינדן

פאָרהאַנג

דריטער אַקט

די ערד בײַם גן־עדן, ווי אין דעם ערשטן אַקט.
קין און עדה טרעטן אויף.

עדה

זײַ שטיל און גיי געלאַסן, קין.

קין

איך וועל; דאָך זאָג פֿאַרוואָס?

עדה

ווײַל אונזער קלײנער חנוך שלאָפֿט איצט דאָרט
אויף יענער בלעטער־בעט, בײַם ציפּרעס־בוים.

קין

בײַם ציפּרעס־בוים? ער איז
אַן אומעטיקער בוים, וואָס זעט אויס ווי
ער וואָלט באַטרויערט ; לן וואָס ער באַשאַפֿנט ;
פֿאַרוואָס האָסטו אים אויסדערווײלט פֿאַר אַ
געלעגער איצט פֿאַר אונזער קינד?

עדה

ווײַל זײַן געצווײַג שליסט אויס די זון, ווי נאַכט,
דערפֿאַר האָט ער מיר פּאַסיק אויסגעזען
דעם שלומער צו באַשאַטענען.

קין

דעם לעצטן שלומער, יאָ, און אַנגסטן שלאָף;

זאָל זיין וואָס ס'וויל — פיר מיך צו אים.

זיי גייען צו דעם קינד

ווי ליבלעך ער זעט אויס! די בעקעלעך
אין זייער ריינער פאַרב פאַרמעסטן זיך
מיט אָט די רויזנבלעטער אונטער זיי
פאַרשפּרייט.

עדה

אויך זיינע ליפּעלעך,
ווי שיין צעעפנט! ניין, נישט קוש אים, ניין,
אַמוועניקסטנס נישט איצט: ער'ט אויפשטיין באַלד.
זיין מיטאָג־שעה פאַר רו איז באַלד פאַרביי;
עס וואָלט געווען אַ שאָד צו שטערן אים
זיין אָפּרו פאַר דער צייט.

קין

האָסט רעכט; איך וועל מיין האַרץ
באַצווינגען איינצוהאַלטן זיך ביז דאַן.
ער שמייכלט און ער שלאָפט! — יאָ, שמייכל איצט,
און שלאָף, דו קליינער, יונגער יורש פון
אַ וועלט כמעט נישט עלטער גאָר פון דיר:
גו, שמייכל, שלאָף! צו דיר געהערן נאָך
די שטונדן און די טעג פון אומשולד און
פון פרייד! ניין, דו האָסט נישט די פרוכט געפליקט
די ווייסט נישט, אַז דו ביסט אַ נאַקעטער!
צו מוז באמת קומען נאָך די צייט
און שטראָפן דיך פאַר אומבאַקאַנטע זינד,
וואָס זענען דיינע נישט און מיינע נישט?
דאָך איצטער שלאָף! די בעקלעך זיינע טיף
פאַררויטלען זיך, און ס'ציטערן איצט שטיל
די העלע אויגן־דעקלעך זיינע, פון
אַריבער זיינע לאַנגע ברעמען, שוואַרץ
אָט ווי דער וויגנדיקער ציפּרעס־בוים

דאָ איבער זיי, האַלב אָפן, און עס לאַכט אַרויס
פון אונטער זיי דאָס קלאָרע בלוי, אויך אין
זיין שלאָף, ער מוז איצט חלומען — פון וואָס ?
פון דעם גן-עדן ! — יאָ, טרוים, טרוים פון דעם,
אַנטזאָגטער יורש דו ! ס'איז בלויז אַ טרוים ;
ווייל קיינמאָל וועט שוין קיינער נישט פון אונז,
נישט דו, נישט דיינע זין און עלטערן,
אַרומגיין אין פאַרבאָטענעם אָרט פון פרייד !

ע ד ה

מיין ליבער קין ! ניין, נישט שעפטשע מער
דאָ איבער אונזער קינד דיין קלאָג-ליד, אָט
די טריבע, איבער דאָס פאַרגאַנגענע !
ווילסט אייביק קלאָגן נאָך דעם פאַראַדיז ?
צי קענען מיר נישט שאַפן אַן אַנדערן ?

ק י ן

וווּ ?

ע ד ה

אָט דאָ, צי וווּ דו ווילסט, וווּ דו ביסט נאָר
פאַראַן, דאָרט פיל איך נישט דעם מאַנגל אין
דעם פיל-באַזיפצטן עדן, האָב איך דען
נישט דיך, דעם יינגל, פאָטער, ברודער
און אונזער ליבער שוועסטער צלה, און
אויך אונזער חוה, וועם מיר האָבן פיל
צו דאַנקען (אויסער דער געבורט).

ק י ן

געוויס, מיר האָבן צו פאַרדאַנקען איר
אויך פאַר דעם טויט.

ע ד ה

מיין ליבער קין ! יענער שטאָלצער גייסט.
וואָס האָט דיך ווייט אַהין געפירט, האָט דיך

דיין גייסט נאָך טרויעריקער געמאַכט. איך האָב
געהאָפט: די צוגעזאָגטע וווּנדער, וואָס
דו האָסט דאָרט אָנגעקוקט, די בילדער, ווי
דו זאָגסט, פון וועלטן איצטיקע און אויך
פאַרגאַנגענע — זיי וו אָ ל ט ן דיר דיין גייסט
געליען רו פון אַ באַפרידיקטער
דערקענטעניש; דאָך זע איך גאָר, אַז ס'האָט
דיין פירער אָפּגעטון דיר שלעכטס. דאָ דאַנק
איך אים, און בין אים מוחל אַלץ, ווייל ער
האָט באַלד צוריקגעגעבן דיך צו אונז.

ק י ן

דו רופסט עס באַלד?

ע ד ה

ס'איז קוים צוויי שטונדן זינט איר זענט אַוועק:
צוויי ל אַ נ ג ע שטונדן זענען זיי פאַר מיר,
און דאָך בלויז שטונדן אויף דער זון.

ק י ן

און דאָך האָב איך דערגרייכט ביז צו דער זון,
און האָב געזען וועלטן, וועלכע ס'האָט
די זון אַמאָל באַשיינט, נאָר ווערן נישט
באַלויכטן מער; און וועלטן, וועלכע ס'האָט
די זון גאָר קיינמאָל נישט באַשיינט: עס האָט
זיך מיר געדאַכט, אַז ס'זענען יאָרן לאַנג
פאַרביי, ווען כ'בין דאָ נישט געווען.

ע ד ה

געציילטע שטונדן קוים.

ק י ן

דער גייסט האָט דאַן באַשטימונג איבער צייט,
און מעסט זי בלויז לויט דעם וואָס ער טוט זען,
צי אָנגענעם צי שמערצפול, קליין צי שטאַרק.

כ׳האָב אָנגעקוקט די וווּנדערלעכע ווערק
פון ווענס אָן אַן ענד; איך וועלטן לאַנג
פאַרשווונדענע און אויסגעלאָשענע,
און זעענדיק דאָס אייביקע האָב איך
געטראַכט: איך האָב דאַן פאָרט אַ טראָפּן מער
מיר אויסגעבאָרגט פון גאָטס אומענדלעכקייט;
נאָר איצט פיל איך מיין קליינלעכקייט אויפסניי.
דער גייסט האָט וויל געזאָגט, אַז איך בין נול!

עדה

פאַרוואָס האָט ער אַזוי געזאָגט?
דאָס האָט דאָך גאָט קיינמאָל געזאָגט.

קין

ניין; גאָט באַגניגנט זיך, באַשאַפנדיק
אונז בלויז אַלס נול, דאָס וואָס מיר זענען איצט;
און האָבנדיק דעם שטויב געחנפעט מיט
אַ בליק צו טון אויף דעם גן-עדן, און
אויף דער אומשטערבלעכקייט, דאַן מאַכט ער אים
צוריק צו שטויב — פאַרוואָס?

עדה

דו ווייסט —
פאַר אונזערע עלטערנס זינד.

קין

וואָס האָט עס דען מיט אונז צו טון?
אויב זיי האָבן געזינדיקט, זאָלן זיי
דאַן שטאַרבן!

עדה

דו האָסט עס נישט אַרויסגערעדט ווי ס׳פּאַסט,
אויך איז נישט דער געדאַנק דיין אייגענער,
ער שטאַמט פון גייסט, וואָס איז געווען מיט דיר.
הלוואי וואָלט איך געקאָנט גאָר שטאַרבן איצט

פאַר זיי, אַבי זיי זאָלן לעבן בלייבן!

קין

איך האָב עס אויך אַזוי געזאָגט — בתנאי
ווען ס׳וואָלט איין קרבן בלויז געזעטיקט אָט
דאָס אומערזעטיקט לעבן, און ווען ס׳וואָלט
דער קליינער ראָז׳קער שלאָפער אונזערער
אָט דאָרט גאָר קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טויט,
צי פּיין, און נישט צו מאַכן ירשענען
דעם טויט אויך די, וואָס קומען ערשט פון אים
אַרויס.

עדה

ווי ווייסן מיר, אויב ס׳וועט נישט ווען אַזאַ
געבעט דערלעזן אונזער גאַנצן מין?

קין

דורך מקריב זיין אומשולדיקע
פאַר שולדיקע? וואָס איז עס דאָרטן פאַר
אַ משפט גאָר געווען? מיר זענען דאָך
באמת ריין: וואָס האָבן מיר געטון
צו זיין אַ קרבן איצט צוליב אַ טאַט,
וואָס איז געטון געוואָרן איידער נאָך
מיר זענען אויף דער וועלט דאָ גאָר געווען, —
צי דאַרף מען גאָר קרבנות האָבן,
כדי זיך אויסצולייזן פון דעם זינד,
וואָס בלייבט געהיימנישפול און נאָמענלאָז —
אויב שטרעבן נאָך דערקענטניש הייסט זינד?

עדה

מיין קין, אַך! דו זינדיקסט איצט: דיין וואָרט
קלינגט גאָטלאָז אין די אויערן

קין

פאַרלאָז מיך דאַן!

עדה

ניין, קיינמאָל נישט,

הגם דיין גאָט האָט דיך פאַרלאָזן.

קין

וואָס זענען עס די זאַכן דאָ?

עדה

אַלטאַרן צוויי, וואָס ברודער הבל האָט
דאָ אויפגעבויט, בשעת דו ביסט געווען
אַוועק, כדי צו מקריב זיין פאַר גאָט
אַ קרבן, ווען דו קומסט אַהער צוריק.

קין

און ווי האָט ער געוווסט, אַז איך וועל זיין
באַרייט צו יענעם קרבן, וואָס ער ברענגט
טאָג-טעגלעך מיט אַ רויקן געזיפֿט,
אַוווּ די אונטערטעניקייט ווייזט מער
אַרויס גאָר מורא, ווי פאַרגעטערונג,
אַלס חניפה צו דעם שעפער בלויז?

עדה

געוויס, עס איז געטון געוואָרן וויל.

קין

ס'איז איין מזבח אויך גענוג פאַר אים;
ניין, איך האָב קיין שום קרבן נישט.

עדה

די פרוכֿט פון ד'ערד, די יונגע שפּראָצונגען
די שיינע, און די בלומען און די פרוכֿט —
דאָס אַלץ אַלס קרבן שמעקט גאַנץ וויל צו גאָט,
ווען נאָר געבראַכט מיט עניוותדיקן גייסט.

קין

איך האָב געהאָקט, געפליקט און אין דער זון

געשוויצט ווי גאָט האָט אונז פאַרשאָלטן.
וואָס נאָך? פאַרוואָס־זשע זאָל איך עניוותדיק
נאָך זיין? פאַרן קאַמף מיט אַלע עלעמענטן
פאַר דעם וואָס איך קריג ברויט פון זיי אַרויס?
פאַרוואָס דאַרף איך עס דאַנקבאַר זיין? פאַר דעם
וואָס איך בין שטויב און קריך אין שטויב ביז איך
צעפאַל אין שטויב? ווען איך בין בלויז אַ נול —
פאַר גאָרנישט זאָל איך זיין אַן היפּאָקריט,
און ווייזן זיך צופרידן אין מיין פּיין?
פאַרוואָס זאָל איך זיין אַ צופרידענער?
צוליב מיין פאָטערס זינד? — דאָס האָבן מיר
דאָך שוין באַדויערט, און באַצאָלט ביז היינט
דורך ליידן פיל, און דאַרפן נאָך פיל מער
ווי דאָס באַצאָלן אין דער צוקונפט דורך
די קינדער, וועלכע קומען שפּעט נאָך אונז.
ניין, אונזער יונג און בליענדיקעס קינד,
וואָס שלאָפט דאָרט, האָט נאָך קיין שום אַנונג נישט,
אַז ס'ליגט שוין איצט אין אים די זרע פון
דאָס אייביק ליידן פאַר מיריאַדן! יאָ,
ס'וואָלט בעסער שוין געווען, ווען כ'וואָלט אָט איצט
אַ נעם געטון אים אין זיין שלאָף און פלינק
אַ שליידער אים געגעבן אויף דעם פעלז,
ווי לאָזן אים דאָ ווייטער לעבן, אום —

עדה

אָ, גאָט!
באַריר נישט, אַך, דאָס קינד, מיין קינד! דיין קינד!
אָ, קין!

קין

זיי נישט באַזאָרגט, פאַר אַלע שטערן און
דאָס גאַנצע מאַכט, וואָס וועלטיקט איבער זיי,
וואָלט איך זיך נישט דערנענטערט דאָ צום קינד
מיט גראָבן גרוס, נאָר מיט אַ פאָטערס קוש.

עדה

פֿאַרוואָס־זשע פּילט זיך שרעק אין דיינע רייד?

קין

איך האָב געזאָגט,
עס וואָלט געווען בעסער ווען ער וואָלט
גאָר אויפֿגעהערט צו לעבן איידער ווי
אַדורכצולעבן ליידן פֿיל, אָט ווי
ער מוז, און ערגער נאָך, צו לאָזן עס
די קינדער בירושה; דאָך אויב עס רעגט
דיך אויף די רייד, נו, וועל איך זאָגן בלויז —
ס׳וואָלט בעסער שוין געווען, ווען ער וואָלט גאָר
אינגאַנצן נישט געבוירן דאָ געוואָרן.

עדה

אָ, זאָג עס נישט; ווו איז־זשע דאַן געווען
די פֿרייד, די מוטער־פֿרייד פֿון היטן אים
און וויגן אים, און ליבן אים? שאַ, שטיל!
ער כאַפּט זיך אויף. מיין זיסער זון!

זי גייט צו צום קינד

אָ, קין! קוק אים אָן; זע, ווי ער איז
מיט לעבן פֿול, מיט קראַפֿט, מיט בליונג און
מיט ליבלעכקייט און לוסט! ווי גלייך ער איז
צו מיר — און גלייך צו דיר, ווען דו ביסט מילד,
ווייל דאַן ערשט זענען מיר דאָך אַלע גלייך;
איז נישט אַזוי, קין? עס ווייזן זיך
דער מוטערס, פֿאָטערס, זונס געזיכט־צוגן
איינער אין דער צווייטער ווי אינ׳ם קלאָרן טייך,
ווען זיי זענען מילד און אויך דו ביסט מילד.
נו, ליב־זשע, קין, אונז דערפֿאַר! מיר ליבן דיך.
זע! ווי ער לאַכט און זיינע אָרעמס האַלט
ער אויסגעשטרעקט און עפֿנט ברייט נאָך דיר
די בלויע אויגן זיינע, און ער גאַרט

זיין פאָטער צו באַגריסן, און זיין פּאָרם
גראָד ווי באַפליגלט, צאַפּלט זיך פון פרייד.
נישט רעד פון שמערץ! דער קינדערלאָזער כּרוב
מעג נאָך מקנא זיין דיין פאָטער-גליק!
דו בענטש אים, קין! ער פאַרמאָגט נאָך נישט
קיין ווערטער דיר צו דאַנקען, דאָך זיין האַרץ
און דיין האַרץ פילן איינס דאָס אַנדערע מיט.

קין

זאָל זיין מיט דיר מיין ברכה, קינד!
ווען ס׳קען אַ מענטשנס ברכה העלפן דיר
פון שלאַנגס פאַרשעלטונג.

עדה

עס וועט. אַ פאָטערס ברכה קען געוויס
באַזייטיקן די כיטרעקייט פון שלאַנג.

קין

איך צווייפל; נאָר איך וועל אים בענטשן דאָך.

עדה

זע, אונזער ברודער קומט,

קין

עס איז דיין ברודער הבל.

הבל טרעט אויף

הבל

שלום, קין! מיין ברודער!
עס זאָל גאָטס פרידן רוען אויף דיין קאָפּ.

קין

אויך דו, מיין ברודער הבל, זיי געבענטשט!

הבל

עס האָט מיר אונזער שוועסטער היינט געזאָגט,
אַז דו האָסט אומגעוואַנדערט מיט אַ גייסט,

אַוועק פון אונזער צוגעוווינטן פּלאַץ.
איז ער פון יענע דאָס געווען, וואָס
מיר האָבן אָפט געזעען און מיט אים
גערעדט, גלייך ווי מיט אונזער פאָטער?

קין

יין.

הבל

צאַרוואָס-זשע חברסטו זיך דאַן מיט אים?
ווער ווייסט, קען זיין ער איז אַ שונא גאָט.

קין

און פריינט צו מענטש. איז גאָט דען דאָס געווען —
אָט ווי דו רופסט אים אָן?

הבל

באַצייכן אים אַזוי! עס זענען מיר
די ווערטער דיינע פרעמד היינט, ברודער מיין.
עדה, איך בעט, פאַרלאָז אונז פאַר אַ ווייל —
מיר ווילן מקריב זיין צו גאָט.

עדה

בו, זיי געזונט, מיין קין;
אומאַרם דאָך דיין זון. זיין מילדער גייסט
און הבלס פרום געבעט צו גאָט זאָלן דיך
צו פרידן פירן און צו הייליקייט!

עדה גייט און נעמט דאָס קינד מיט זיך.

הבל

ווו ביסטו עס געווען?

קין

איך ווייס באמת נישט.

הבל

און ווייסט נישט וואָס דו האָסט געזען?

קין

די טויטע,
די אייביקע, די אומבאַגרענצטע, די
אַלמעכטיקע, די איבערמעכטיקע
מיסטעריעס פון דעם רוים — און וועלטן גאָר
אָן צאָל, וואָס זענען דאָ, וואָס זענען לאַנג
צוריק געווען — אַ שטורם, אַ ווירוואַר
פון וואונדערלעכע זאַכן, זונען און
לבנות, ערדן, זינגענדיק אַרום
מיר אין אַ דונער-שטים אויף זייערע
הויך-קולותדיקע ספערן, דאָס איך קען
קיין מענטשן-שטים גאָרנישט פאַרנעמען איצט;
פאַרלאָז מיך, הבל.

הבל

דיין בליק ערשטראַלט מיט אומנאַטירלעך ליכט;
אַן אומנאַטירלעך רויט באַפאַרבט דיין באַק —
אַן אומנאַטירלעך קלאַנג מאַכט שווער דיין וואָרט —
וואָס זאָל עס זיין?

קין

עס מיינט – איך בעט דיך, לאָז מיך איצט צורו.

הבל

נישט ביז מיר האָבן ביידע גאָט געבעטן
און אויך קרבנות אים געבראַכט.

קין

איך בעט דיך, הבל, ברענג דעם קרבן דו
אַליין — גאָט ליבט דיך שטאַרק.

הבל

אונז ביידן, האָף איך.

קין

דיך אָבער מער: איך זאָרג זיך נישט דערפאַר;

דו פֿאַסט בעסער פֿאַר דיין גאָט ווי איך;
פֿאַרער אים דאַן, נאָר טו עס דו אַליין —
לאָז מיך אײנגאַנצן אָפּ.

הבל

כ׳וואָלט, ברודער, נישט
פֿאַרדינט דאַן אונזער גרויסן פֿאָטערס זון
צו זיין, ווען איך וואָלט דיך, אַלס עלטסטער זון,
איצט נישט געערט, און אין דער גאָטעס-דינסט
דיך נישט געבעטן איינצושליסן זיך
און זיין מיין פּריסטער — ווייל דער פּלאַץ קומט דיר.

קין

איך האָב עס אָבער קיינמאָל נישט פֿאַרלאַנגט.

הבל

פֿיל גרעסער איז מיין שמערץ; איך בעט דיך טו
עס איצט; ס׳ווייזט אויס דיין זעל טוט בלאָנדזשען אין
פֿאַרבלענדעניש; ס׳וועט דיך באַרויקן.

קין

ניין! ס׳קען קיין זאַך מיך באַרויקן.
באַרויקן — זאָג איך? כ׳האָב קיינמאָל נישט
געוווּסט פֿון זעלן-רו, הגם איך האָב
די עלעמענטן יאָ געזעען שטיל.
מיין הבל, כ׳בעט פֿאַרלאָז מיך, אָדער כ׳וועל
דיך לאָזן מיט דיין פֿרומער אַרבעט דאָ.

הבל

ניין; ביידע מוזן מיר די אַרבעט טון,
נישט אַמפּער זיך מיט מיר.

קין

אויב ס׳מוז אַזוי פֿאַרט זיין —
נו, וואָס דאַרף איך דאַן טון?

הבל

דו קלויב זיך איינעם פון
די צוויי מזבחות אויס.

קין

קלויב דו פאַר מיר: זיי זעען ביידע אויס
ביי מיר נישט מער ווי גראָז און שטיין.

הבל

קלויב דו אַליין זיי אויס!

קין

איך האָב שוין אויסגעקליבן.

הבל

עס איז דער העכסטער ווי עס פּאַסט זיך פאַר
דעם עלטערן פון אונז, און איצטער גרייט
דיין קרבן צו

קין

און ווו איז דיינער דאַן?

הבל

אָט זע אים, דאָ — די ערשטלינגע פון שאָף
און זייער פעטס — אַ פּאַסטעכס קרבן פון
גאָר קנאַפּן ווערט.

קין

איך האָב קיין שאָף, ווייל איך באַאַרבעט בלויז
די ערד, און קען נישט געבן מער ווי דאָס
וואָס ס׳גיט דורך פּראַצע מיר די ערד — די פּרוכט:

ער קלויבט צוזאַמען פּרוכט

זע, ווי פאַרשידן ס׳קוקן אויס די פּרוכט
אין זייער בליט און צייטיקייט.

זיי באַצירן די מזבחות און צינדן אָן די פייערן

הבל

מיין ברודער, אַלס דער עלטערער, ברענג דו
צוערשט דיין קרבן מיט געבעט און דאַנק.

קין

ניין, איך בין מיט דעם אַלץ נישט גוט באַקאַנט;
ווייז דו דעם וועג און איך וועל נאָכטון — ווי
איך קען.

הבל

קניענדיק

אָ, גאָט! וואָס האָט אונז אַלעמען באַשאַפן
און האָט אַריינגעבלאָזט אין אונז אַ זעל,
אָט דער, וואָס האָט אונז אַלעמען געבענטשט
און נישט געלאָזט אונז אונטערגיין (ווי ס'וואָלט
געקאָנט געשען) טראָץ אונזער פאָטערס זינד,
ווייל ס'איז דיין משפט און גערעכטיקייט
ווי דיין רחמנות מילד, און ס'איז דיין פרייד,
און האָסט פאַרציייונג אונז געשענקט, וואָס איז
גן-עדן אין פאַרגלייך מיט אונז'רע זינד: —
אָ, איינצ'קער האַר פון ליכט, פון גוטסקייט און
פון גלאַנץ און אייביקייט! אָן וועלכן אַלץ
וואָלט שלעכט געווען; מיט וועלכן קיין זאַך קען
אַראָפּ פון וועג, ווייל בלויז צום גוטן צוועק
פירט דיין אַלמעכט'קע באַרמהאַרציקייט —
גאָר אומדערפאָרשלעך, דאָך זיך צו דערפילן —
נעם צו איצט פון דיין ערשטן שוואַכן הירט
דעם ערשטלינג פון זיין ערשטער סטאַדע שאָף —
אַ קרבן, וואָס קוקט אויס פון קליינעם ווערט —
ווייל וועלכער קרבן שפּילט ביי דיר אַ ראָל? —
דאָך נעם אים צו אַלס דאַנק פון דעם, וואָס שפּרייט
זיין קרבן אויס אַנטקעגן דאָס געזיכט
פון דיינע הויכע הימלען, בויגנדיק

זיין אייגן פנים צו דער ערד, פון וואַן
ער קומט אַרויס פאַרן כבוד דיינעם און
דיין נאָמענס כבוד, ביז אויף אייביק לאַנג!

קין

שטייענדיק גלײַך, ווען ער רעדט

גייסט! וואָס דו אָדער ווער דו זאָלסט נישט זיין,
אַלמעכטיק, עס מעג זיין — און, אויב נאָר גוט,
ווערט עס באַוויזן דאַן דורך דעם, וואָס ס'איז
דיין שאַפן פריי פון שלעכטס! יעהאָוואַ דאָ
אויף אונזער ערד; גאָט אויף דעם הימל הויך!
און אפשר מיט פיל אַנד'רע נעמען נאָך,
ווייל דיינע אייגנשאַפטן זענען פיל,
ווי דיינע ווערק: — מוז מען געווינען דיך
נאָר דורך געבעט, — נו, נעם עס דאַן פון מיר!
און מוז מען דורך מזבחות קויפן דיך,
נו, באַדיר זיי! צוויי מענטשן שטייען דאָ,
וואָס טוען איצטער אַלעסדינג פאַר דיר.
באַגערסטו בלוט — דאָ האָסטו דעם אַלטאַר
פון פאַסטעך ביי מיין רעכטער האַנט, און זע,
ווי ס'רויכערט זיך מיט זיינע ערשטע שאָף,
און ס'גייט דער ריח פון די גלידער און
דאָס בלוט צום הימל הויך אַרויף; דאָך ווען
די זיסע בליענדיקע פרוכט פון ד'רערד
און מילדן ווינט, אויפן ריינעם גראָז, ווו כ'האָב
זיי אויסגעשפרייט אַנטקעגן קלאָרער זון,
וואָס צייטיקט זיי, געפעלן בעסער דיר,
מיט דעם וואָס זיי פאַרלירן נישט דורך לייד
דאָס לעבן; און זיי שיינען ליבערשט אונז
אַ מוסטער פון דיין ווערק, אַלס אַ געבעט
דו זאָלסט אויף אונזערס קוקן; — אויב עס קאָן
נאָר אַ מזבח אָן אַ קרבן און

אָן בלוט געווינען דיך, דאַן קוק זיך איין
אָט דאָ! און ער, וואָס גרייט דעם קרבן צו,
ער איז — ווי דו האָסט אים געמאַכט! און וויל
קיין זאַך נישט, וואָס מען עס קריגן בלויז
דורך קניען; איז ער שלעכט, דערשלאָג אים דאַן!
דו ביסט אַלמעכטיק און דו קענסט עס טון —
ער קען זיך ווערן דען אַנטקעגן דיר?
און איז ער גוט, דערשלאָג אים, שאַנ׳ווע אים, —
טו ווי דו ווילסט! ווייל ס׳ווענדט זיך אַלץ אָן דיר;
און גוטס און שלעכטס דערשיינען שוואַך צו זיין,
ווען ס׳איז דיין ווילן נאָר נישטאָ דערביי;
און צי ס׳איז גוט, צי שלעכט, פאַר זיך אַליין,
דאָס ווייס איך נישט, ווייל איך אַליין בין נישט
אַלמעכטיק און נישט פעיק ריכטן די
אַלמאַכט; איך בין נאָר פעיק דולדן איר
געבאָט; ווי כ׳האָב פאַרטראָגן עס ביז איצט.

דאָס פייער אויף הבלס מזבח צינדט זיך אָן אין א זייל פון העלסטן פלאַם און שטייגט אַרויף צום הימל; ווען א ווירבל־ווינט וואַרפט אום קינס אַלטאַר און צעווייט די פרוכט ווייט אויף דער ערד

הבל

קניענדיק

אָ, ברודער, בעט!
יעהאָוואַ איז אין כעס אויף דיר.

קין

ווי זעסטו עס?

הבל

צעוואָרפן זענען דיינע פרוכט אויף ד׳ערד.

קין

זיי קומען פון דער ערד, און זאָלן זיי
גיין צו דער ערד צוריק; עס וועלן אונז

די זוימען זיי׳ערע געבן פרישע פרוכט
נאָך איידער ס׳קומט דער נייער זומער אָן.
דיין פליישיקער קרבן האָט פיל בעסערן גליק;
זע, ווי דער הימל לעקט די פלאַמען אָפּ,
געדיכט מיט בלוט.

הבל

נישט טראַכט איצט פון מיין קרבנס אויפנאַמע;
ברענג ליבערשט דו אַליין אַן אַנדערן
גלייך איצטער איידער ס׳איז צו־שפעט.

קין

איך וועל נישט בויען קיין מזבחות מער,
און אויך אַזוינס נישט דולדן —

הבל

אויפשטייענדיק

קין! וואָס ווילסטו טון?

קין

צעוואַרפן יענעם מיאוסן חונף פון
די וואָלקן, אָט דעם רויכיקן שליח
פון דיינע פוסטע תפילות — דיין אַלטאַר,
פול בלוט פון ציגן און פון שעפּסעלעך.
גענערט אויף מילך, צו זיין אין בלוט געטויט.

הבל

שטעלט זיך אים אנטקעגן

דו זאָלסט נישט! — זיי נישט מוסיף בייזן טאָט
צו בייזע רייד! לאָז דעם אַלטאַר דאָרט שטיין —
ער איז געהייליקט איצט דורך גאָטס גרויס פרייד,
ווען ער האָט צו מיין קרבן זיך געקערט.

קין

ווי גאָטס גרויס פרייד?!
ווי קוקט דאַן אָבער אויס זיין פרייד אין רויך

פון בראָטנדיקן פלייש און בלוט-געדאַמף,
אַנטקעגן יענעמס קלאָגעדיקן שמערץ
פון מוטערס נאָך די יונגע טויטע שאָף?
אַנטקעגן לייד פון די אומגליקלעכע
אומוויסנדע קרבנות, די וואָס ס'האָט
דיין פרומער מעסער אומגעבראַכט? אַוועק!
אַזאַ מין דענקמאָל זאָל אין זונען-ליכט
נישט שטיין, אַ שאַנדע פאַר דער גאַנצער וועלט!

הבל

אוועק, קין! באַריר נישט מיין אַלטאַר
מיט גרויס געוואַלט. אויב דו פאַרלאַנגסט אים פאַר
אַן אַנדער קרבן, נעם אים צו פאַר זיך.

קין

אַן אַנדער קרבן! גיי אַוועק פון מיר,
ווען נישט וועט אַט דער קרבן —

הבל

וואָס רעדסטו פאַר אַ רייד?

קין

גיי — גיי אוועק פון מיר! — דיין גאָט ליבט בלוט —
באַטראַכט עס גוט: — נו גיי, נאָך איידער ער
קריגט מער!

הבל

אין גאָטס גרויסן נאָמען, שטיי איך איצטער דאָ,
אָט צווישן דיר און דעם אַלטאַר, וואָס איז
געפעלן גאָט.

קין

אויב דו האָסט זיך באמת ליב, שטיי אָן
אַ זייט, ביז איך צעוואַרף דאָס גראָז פון דעם
אַלטאַר אויף ד'ערד צוריק: — ווען נישט —

הבל

שטעלט זיך אים אנטקעגן

איך ליב גאָט מער פון לעבן.

קין

ער שלאָגט אים איבער די שלייפן מיט אַ האָלעוועשקע, וואָס ער האָט אראָפּ-געלאָפּט פון דעם מזבח.

זיי מקריב דאַן דיין לעבן צו דיין גאָט;
גאָט האָט אַ לעבעדיקן קרבן ליב.

הבל

פאַלט

וואָס האָסטו דאָ געטאָן, מיין ברודער?

קין

אָ, ברודער!

הבל

אָ, גאָט! נעם אויף דיין קנעכט, פאַרגיב אויך אים,
וואָס האָט דיין קנעכט דערשלאָגן; ער האָט נישט
געוווּסט, וואָס ער האָט דאָ געטון, — קין,
גיב מיר — גיב מיר דיין האַנט; און זאָג, איך בעט,
דער אָרימער צלה —

קין

נאָך אַ רגע בלייבן ווי פאַרשטיינערט

מיין האַנט! זי איז אינגאַנצן רויט און פון —
פון וואָס?

אַ לאַנגע פויזע. ער קוקט זיך לאַנגזאַם אַרום אים

ווו בין איך דאָ? אַליין! ווו איז הבל?
ווו איז קין? בין איך עס? ברודער מיין,
וואַך אויף! וואָס ליגסטו אויף דער גרינער ערד
אַזוי? ס'איז נישט די צייט פון שלאָפן איצט; —
וואָס ביסטו אַזוי בלאָס? זאָג וואָס האָסטו!
דו ביסט געווען פול לעבן אין דער פרי!

כ׳האָב דיך געשלאָגן מיט צו־שטאַרקן כּעס,
דאָך נישט סכּנהדיק. אַך, זאָג, פאַרוואָס
האָסטו זיך קעגן מיר געשטעלט? דו טרייבסט
בלויז שפּאַס; דו טוסט עס בלויז צו שרעקן מיך: —
כ׳האָב דיר געגעבן בלויז אַ קלאַפּ, נישט מער —
באַוועג זיך — ריר זיך — טו זיך בלויז אַ ריר!
אַזוי — אַזוי איז גוט! דו אָטעמסט דאָך!
גו, אָטעם־זשע אויף מיר! אָ, גאָט! אָ, גאָט!

הבל

גאַנץ שוואַך

ווער רעדט דאָ איצט פון גאָט?

קין

דיין מערדער.

הבל

זאָל גאָט אים דאַן פאַרגעבן! קין, טרייסט
דער אָרימער צלה: — ס׳בלייבט דאָך איצטער איר
איין ברודער בלויז.

הבל שטאַרבט

קין

און איך האָב מער קיין איינעם נישט! — ווער מאַכט
מיך ברודערלאָז? — ער האַלט די אויגן אָפן!
דערפאַר איז ער דאָך פאָרט נישט טויט! טויט איז
ווי שלאָף! שלאָף שליסט די אויגן אָבער צו.
אויך זיינע ליפּן זענען אָפן; געוויס,
ער אָטעמט נאָך; און דאָך, איך פיל עס נישט. —
זיין האַרץ — זיין האַרץ! לאָז זען, אויב עס קלאַפּט!
מיר דאַכט זיך — ניין, ניין! ס׳איז אַ חלום בלויז,
צי כ׳בין געוואָרן אַ באַוווינער פון
אַן אַנדער וועלט און גאָר אַן ערגערע.
עס שווימט די ערד אַרום מיר: — וואָס איז דאָס?
ס׳איז נאַס;

ליגט צו די האַנט צום שטערן און באַטראַכט איר דאַן

און דאָך איז דאָס קיין טוי! ס'איז בלוט — מיין בלוט —
מיין ברודערס און מיין אייגן בלוט! דורך מיר
פאַרגאָסן! נו, וואָס האָב איך איצטער דאַן
מיט לעבן נאָך צו טון, זייט איך האָב פון
מיין אייגן בלוט און פלייש גערויבט דאָס לעבן?
דאָך ער קען טויט נישט זיין! — איז שווייגן טויט?
ער וועט דערוואַכן; איך וועל וואַרטן דאָ
ביי אים. דאָס לעבן איז נישט אַזוי שוואַך
ס'זאָל ווערן אויסגעלאָשן אַזוי שנעל! —
ער האָט דאָך איצט גערעדט צו מיר — וואָס האָב
איך דאָך געזאָגט צו אים? — מיין ברודער! — ניין;
ער וועט מיר גאָרנישט ענטפערן אויף דעם;
אַ ברודער שלאָגט דעם צווייטן קיינמאָל נישט.
דאָך רעד צו מיר — דאָך רעד, אָ! בלויז איין וואָרט
פון דיין באַליבטער שטים, כּדי איך זאָל
נאָך קענען הערן אויך מיין אייגן שטים.

צלה טרעט אויף.

צלה

איך האָב געהערט אַ שווערן קול; וואָס קען
עס זיין? ס'איז קין; ער באַוואַכט מיין מאַן.
וואָס טוסטו, ברודער? זאָג, שלאָפט הבל דאָרט?
אָ, הימל? וואָס באַדייט די בלאַסקייט, און
אָט יענער שטראָם? — ניין, ניין! עס איז נישט בלוט;
ווער וואָלט זיין בלוט פאַרגאָסן? הבל! וואָס מיינט
עס דאָ? ווער האָט עס אַלץ געטון? גיי, ער
באַוועגט זיך נישט; ער אָטעמט נישט: און ס'פּאַלט
זיין האַנט פון מיינער לעבנלאָז ווי שטיין
אַראָפּ! אַך! גרויזאַמער קין! פאַרוואָס
ביסטו בייצייטנס נישט געקומען אים
צו ראַטעווען פון דער געוואַלט? ווער ס'זאָל

ניִשט האָבן אים באַפאַלן דאָ, ביסטו
געווען דאָך דער שטאַרקערער, און האָסט
באַדאַרפט פונאַנדעררייסן אים פון זיין
אָנגרייפער! פאָטער! — חוה! עדה! — קומט
אַהער! — דער טויט איז אויף דער וועלט!

צלה אָפּ, און רופט די עלטערן און נאָך.

קין

אליין

און ווער האָט אים אַהער געבראַכט? —
איך, וועלכער האַסט דעם נאָמען טויט גאָר טיף,
דאָס דער געדאַנק האָט מיין לעבן גאַנץ
פאַרסמט, נאָך איידער כ'האָב דעם טויט געזען —
איך האָב דעם טויט אַהער געפירט און אים
דערלאַנגט מיין ברודער אין זיין קאַלטן שויס,
ווי טויט וואָלט אָן מיין הילף גאָרנישט געקאָנט
באַקומען זיין באַשטימטן רויב. איך האָב
זיך אויפגעכאַפּט צולעצט — עס האָט אַ טרוים
אַ מוראדיקער מיך מיין זין פאַרווירט;
דאָך ער וועט שוין אויף אייביק נישט דערוואַכן!

אָדם, חוה, עדה און צלה טרעטן אויף.

אָדם

אַ וויי־געשריי פון צלה ברענגט מיך דאָ
אַהער. — וואָס זע איך? — עס איז וואָר! מיין זון!
מיין זון!

צו חוהן

זע דיינע מעשים, ווייב, ווי אויך דעם שלאַנגס.

חוה

אָ! רעד נישט איצט פון דעם; איך פיל אין האַרץ
די שטעכער פון דעם שלאַנג. מיין ליבסטער, הבל!
יעהאָוואַ! ס'איז די שטראָף פיל גרעסער פון

אַ מוטערס זינד, אָוועקצונעמען אים
פון מיר?

אָדם

ווער אָדער וואָס האָט דאָס געטאָן? — רעד, קין;
דו האָסט עס בייגעוווינט! איז דאָס געווען
אַ בייזער מלאך, וועלכער גייט נישט אין
גאָטס וועג? איז דאָס געווען אַ חיה פון
דעם ווילדן וואַלד?

חוה

איך זע: אַ מאָדנע ליכט בליצט דורך, ווי פון
אַ דונער־שלאָג! מאַסיוו איז יענער בראַנד
און פול מיט בלוט! אַוועקגעריסן פון
אַלטאַר, און שוואַרץ פון רויך און רויט פון —

אָדם

אָ, רעד, מיין זון!
רעד און פאַרזיכער אונז, אין אונזער בראָך,
אַז אונזער אומגליק איז נישט גרעסער פיל.

עדה

רעד, קין! זאָג, נישט דו ביסט עס געווען!

חוה

יאָ, ער איז עס געווען!
איצט זע איך עס — ער זינקט זיין שולדיק קאָפּ
אַראָפּ און איבערדעקט זיין ווילדן בליק
מיט הענט געטונקט אין בלוט.

עדה

דו טוסט אים אומרעכט, מוטער —
קין, רייניק דיך פון אָט דער בייזער שולד,
עס קומט פון שמערץ, וואָס דריקט דער מוטערס האַרץ.

חוה

הער צו, יעהאָוואַ!

אויף אים זאָל פאַלן דער אייביקער פלוך פון שלאַנג!
ער פאַסט זיך פאַר זיין מין נאָך מערער ווי
פאַר אונזערן. ער זאָל זיין לעבן לאַנג
זיין אָן שום טרייסט, ער זאָל —

עדה

הער אויף!
נישט שעלט אים, מוטער, ער איז דאָך דיין זון —
נישט שעלט אים, מוטער, ער איז דאָך מיין ברודער,
מיין מאַן.

חוה

דורך אים האָסטו קיין ברודער שוין נישט מער —
און צלה—מער קיין מאַן, און איך — קיין זון!
דערפאַר פאַרשעלט איך אים אויף אייביק פון
מיין בליק! איעדן באַנד צווישן אונז
צערייס איך, ווי ער האָט צעריסן היינט
דעם באַנד פון זיין נאַטור — אָ, טויט, אָ, טויט!
פאַרוואָס האָסטו נישט מיך גענומען, די,
וואָס האָט דערצאָרנט דיר צוערשט? זאָג, פאַרוואָס
טוסטו עס איצטער נישט?

אָדם

חוה, דערלאָז נישט דיין
געווייןן שמערץ צו אומרעכט פירן דיך!
אַ ווונדער שיקזאַל איז אינז לאַנג געווען
באַשערט; און איצט, אַז ער איז דאָ, דאַן דאַרף
מען אים אַזוי פאַרטראָגן, אַז ס'זאָל גאָט
דערקענען אונז אַלס זיינע טרייע קנעכט
פאַר גאָר זיין הייליקן ווילן.

חוה

ווייענדיק אויף קין

זיין ווילן איז אַזוי! דער ווילן פון

דעם פלייש-באַקליידטן גייסט פון טויט, וואָס איך
האָב אויף דער ערד געבראַכט, מיט טויטע צו
פאַרפילן! אַלע קללות פון דעם לעבן
זאָלן זיין אויף קין! און דורך דער ווילדעניש
זאָל יאָגן אים זיין פּיין, ווי אונז פון דעם
גן-עדן, ביז עס וועלן טון צו אים
די קינדער דאָס, וואָס ער האָט איצט געטון
צום ברודער! מעגן יענע שווערדן און
די כרובימס פייערדיקע פליגל אים
פאַרפאָלגן טאָג און נאַכט; די שלאַנגען — אים
באַפאַלן אויף זיין וועג; די פרוכט פון ד'ערד
מעג ווערן אַש און שטויב ביי אים אין מויל;
די בלעטער, וווּ ער לייגט אַוועק זיין קאָפּ
צום שלאָף, — מיט סקאָרפּיאָנען דיק באַדעקט!
ער זאָל חלומות האָבן בלויז פון זיין
באַגאַנגענעם מאָרד, און שטענדיקער מורא פאַר
דעם טויט, ווען ער איז וואַך! זאָל ווערן בלוט
דער ריינער טייך, ווען ער וועט איינבויגן זיך
מיט זיינע ווילדע ליפּן אים באַפּלעקן!
זאָל יעדער עלעמענט זיך ענדערן
און פליען ווייט פון אים! אין ליידן זאָל
ער לעבן, ווי די אַנד'רע שטאַרבן! און
עס זאָל דער טויט צוליין זיין ערגער פיל
ווי טויט—פאַר אים, וואָס האָט אונז אַלעמען
מיט טויט צוערשט באַקאָנט! אַוועק, אַוועק,
דו ברודער-מערדער! „קין” בלייבט דאָס וואָרט,
פון היינט און ווייטער, פאַר די דורות פון
דעם מענטשן-מין, וואָס וועלן דיך פאַראַכטן,
כאָטש דו ביסט זייער פאָטער אויך געווען!
זאָל וועלקן אונטער דיינע פיס דאָס גראָז!
פאַרווערן זאָל דער וואַלד זיין שאָטן דיר!
די ערד — אַ היים! דאָס שטויב — אַ גרוב! די זון —

איך ליבט! די הימלען — זייער גאָט!

חוה גייט אַפּ.

אָדם

קין, אַוועק מוזטו גיין: מיר בלייבן נישט
צוזאַמען מער. ציִ אָפּ! און לאָז דעם מת
צו מיר — איך בלייב פון היינט און ווייטער אַן
אַליין — מיר מוזן זיך נישט זען מער.

עדה

אַ, שייד זיך פאָטער נישט פון אים אַזוי;
מאַך גרעסער נישט דיין פלוך פון חוהס אויף
זיין קאָפּ!

אָדם

איך שעלט אים נישט: זיין אייגענער גייסט וועט זיין
זיין פלוך. קום, לאָמיר, צלה, גיין

צלה

איך מוז מיין הבלס לייכע היטן.

אָדם

מיר וועלן זיך נאָך אומקערן אַהער
צוריק, ווען ער וועט זיין אַוועק, אָט דער,
וואָס האָט אונז אַלעמען באַזאָרגט מיט אָט
דער מוראדיקער זאַך. נו, קום, צלה!

צלה

כאָטש נאָך איין קוש פאַר יענעם בלייכן שטויב,
די ליפּן, וועלכע זענען וואַרעם דאָך
געווען נישט לאַנג צוריק — מיין האַרץ — מיין האַרץ!

עדה און צלה גייען וויינענדיק אַוועק.

עדה

קין, דו האָסט געהערט מיר מוזן גיין.
כ׳בין גרייט, די קינדער זענען אויך באַלד גרייט.
איך וועל חנוכן טראָגן, דו — זיין שוועסטער.

נאָר לאָמיר גיין נאָך איידער עס פאַרגייט
די זון און אויסמיידן צו וואַנדערן
אין מדבר אונטער וואָלקנס פון דער נאַכט.

קין

פאַרלאָז מיך, גיי!

עדה

דו זעסט דאָך, אַלע האָבן דיך פאַרלאָזן.

קין

פאַרוואָס-זשע שטייסטו דו דאָ? דו האָסט דען גאָר
קיין מורא נישט צו וווינען מיט אַ מענטש,
וואָס האָט דאָס אַלץ געטאָן?

עדה

איך האָב פאַר קיין שום זאַך קיין מורא נישט,
אַחוץ דיך צו פאַרלאָזן, ווי איך האָב
שטאַרק מורא פאַר דעם טאַט, וואָס האָט געלאָזט
דיך ברודערלאָז. איך דאַרף נישט רעדן פיל
דערפון — ס'בלייבט צווישן דיר און גרויסן גאָט.

אַ קול פון אינעווייניק

רופט

קין! קין!

עדה

האָסטו געהערט די שטים?

דער קול פון אינעווייניק

קין! קין!

עדה

דער קול איז, ווי אַ מלאכס קול.

דער מלאך פון גאָט טרעט אויף.

דער מלאך

ווו איז דיין ברודער הבל?

קין

בין איך מיין ברודערס שומר דען?

דער מלאך

דער קול פון דיין דערהרגעטן ברודערס בלוט
שרייט הויך אַרויס פון סיפּער ערד, אַרויף
צו גאָט! — דו ביסט פאַרשאָלטן איצט פון ד׳רערד,
וואָס האָט איר מויל געעפנט דורך דיין האַנט
דיין ברודערס בלוט צו טרינקען. פון היינט אָן
און ווייטער, ווען דו וועסט באַאַרבעטן
די ערד, זאָל זי נישט געבן דיר איר קראַפט.

עדה

די שטראָף איז גרעסער ווי ער קען פאַרטראָגן.
זע, האָסט אים היינט פאַרטריבן פון דער ערד,
ער דאַרף באַהאַלטן זיך פון גאָטס געזיכט
און מוז אויך בלייבן נע-ונד אויף ד׳רערד.
און ס׳וועט דעריבער זיין, אַז ווער עס וועט
אים נאָר באַגעגענען וועט אים דערשלאָגן.

קין

הלוואי וואָלט דאָס פּאַסירט! דאָך ווער וועט מיך
דערהרגענען? די ערד איז נישט באַוווינט!

דער מלאך

דו האָסט דיין ברודער דאָך געטויט, ווער קען
פאַרזיכערן, אַז ס׳זאָל דיין זון נאָך ווען
דיך נישט דערהרגענען?

עדה

אָ, מלאך פון דאָס ליכט, דערבאַרעם זיך! זאָג נישט,
אַז אָט די אָרימע פאַרוואונדטע ברוסט
דערנערט אַ מערדער איצטער אין מיין זון,
וואָס וועט זיין פאָטער ווען דערהרגענען.

דער מלאך

ער וועט דאַן זיין בלויז וואָס זיין פאָטער איז.

צי האָט דען חוהס מילך אויך נישט גענערט
אָט דעם, וואָס זעסט מיט הענט באַשפּריצט פון בלוט?
דער ברודער־מערדער קען געבוירן אויך
אַ פאָטער־מערדער. — דאָך אַזעלכעס זאָל
נישט זיין — דער האַר, דיין גאָט און מיינער, האָט
באַפוילן מיך איך זאָל אויף קינען
זיין זיגל לייגן, אום ס׳זאָל קיינער נישט
פאַרפאָלגן אים. ווער ס׳וועט אים הרגענען
זאָל זיבן־פאַלדיקע ראַכע צאָלן מיט
זיין אייגן קאָפּ. קום צו צו מיר!

קין

וואָס ווילסטו טון מיט מיר?

דער מלאך

איך וויל דיין שטערן צייכענען, אַז ס׳זאָל
נישט קיינער טון צו דיר אָט דאָס וואָס דו
האָסט היינט געטון.

קין

ניין, כ׳וויל שוין בעסער שטאַרבן!

דער מלאך

דאָס דאַרף אַזוי נישט זיין.

דער מלאך לייגט דעם צייכן אויף קינס שטערן

קין

ס ברענט מיין שטערן, — דאָך ס׳ברענט אַנדערש גאָר?
דער פייער אינעווייניק, ס׳קומט נאָך מער?
איך בין באַרייט פאַרטראָגן ווי איך קען.

דער מלאך

ביסט שטרענג און עקשנדיק געווען נאָך פון
דיין מוטערס טראַכט, גלייך ווי די ערד, וואָס דו
מוזט פון היינט אָן באַאַרבעטן; דאָך ער,

ווען האָסט דערהרגעט, איז געווען ווייך,
ווי זיינע שאָף.

קין

צו-פרי נאָך מיינע עלטערנס זינד בין איך
געבאָרן געוואָרן, נאָך פריער ווי עס האָט
מיין מוטערס זין זיך אָפּגעקערט פון שלאַנג,
און ס'האָט מיין פאָטער נאָך געקלאָגט נאָך דעם
גן-עדן. איך בין דאָס, בלויז וואָס איך בין;
איך האָב נאָך לעבן נישט געשטרעבט, אויך האָב
איך נישט באַשאַפן זיך אַליין; דאָך וואָלט
איך נאָר געקאָנט באַצאָלן מיט מיין טויט
און ברענגען לעבן אים צוריק — פאַרוואָס
זאָל דאָס אַזוי נישט זיין? הלוואי ווערט ער
היינט לעבעדיק אויפסניי, און איך זאָל אויף
זיין אָרט דאָ ליגן טויט! זאָל גאָט אַזוי
דאָס לעבן שענקען איצט צוריק צו דעם
וועם ער האָט ליב געהאַט; און אָפּנעמען
פון מיר מיין לעבן, וואָס איך האָב גאָרנישט
געליבט צו טראָגן עס מיט זיך.

דער מלאך

ווער קען דען היילן מאָרד? וואָס ס'איז געטאָן
איז אָפּגעטאָן; גיי, טראָג דיין שיקזאַל! און
עס זאָלן דיינע מעשים זיין נישט מער
שוין ענלעך צו דיין לעצטער טאַט!

דער מלאך פאַרשווינדט

עדה

ער איז אַוועק, נו, קום;
איך הער אונזער קליינעם חנוך וויינען
פון אונטער אונזערן געצעלט.

קין

אָך, ווייניק ווייסט ער נאָך פאַרוואָס ער וויינט!

און איך, וואָס האָב פאַרגאָסן בלוט, קען גאָר
קיין טרערן נישט פאַרגיסן! ס׳קענען נישט
אַפילו די פיר טייכן*) ריין וואַשן
מיין זעל. דו גלויבסט מיין זון וועט וועלן ווען
מיין פנים מיר נאָך אָנקוקן?

עדה

ווען כ׳וואָלט געגלויבט, אַז ער וועט נישט, וואָלט איך —

קין

אונטערברעכט אירע רייד

ביין,
געגנוג נביאות זאָגן שלעכטס: מיר האָבן
געהאַט צופיל פון דעם. גיי בעסער צו
די קינדער; איך קום גלייך נאָך אייך.

עדה

איך וועל נישט לאָזן ביי דעם טויטן דיך
אַליין; לאָמיר צוזאַמען גיין.

קין

דו, טויטער, אָ!
דו, אייב׳קער עדות! וועמענס בלוט, וואָס איז
נאָך נישט געשטילט, פאַרשוואַרצט דעם הימל און
די ערד! וואָס דו ביסט איצט, דאָס ווייס איך נישט!
דאָך אויב דו זעסט, וואָס איך בין, וועסטו דאַן,
איך דענק, געוויס פאַרגעבן דעם, וואָס גאָט
קען קיינמאָל מער שוין מוחל זיין, אויך נישט
מיין אייגן האַרץ. — פאַרבלייב אין פרידן דאָ!
איך טאָר נישט, און איך האָב די חוצפה נישט

---

*) די פיר טייכן זענען: פישון, גיחון, חדקל און פרת, וועלכע זענען געלאָפן אין גן-עדן; דערפאַר די איינציקע וואַסערן מיט וועלכע קין איז געווען באַקאַנט אויף דער ערד.

באַרירן, וואָס איך האָב פון דיר געמאַכט, —
איך, וועלכער קום מיט דיר פון זעלבן שויס
אַרויס, געזויגן פון דער זעלבער ברוסט,
און ווען מיר זענען קינדער נאָך געווען
פלעג איך דיך צודריקן מיט ברודער-לוסט
אָפט צו מיין אייגן ברוסט, כ'קען קיינמאָל נישט
מער זען דיך, און כ'וואַג עס נישט פאַר דיר
צו טון, וואָס דו וואָלסט דאָך פאַר מיר געטון —
דיין קערפער אין אַ גרוב אַריינצולייגן —
דער ערשטער קבר פאַר די שטערבלעכע
געגראָבן. דאָך ווער האָט דאָ די גרוב געגראָבן?
אָ, ערד! אָ, ערד! פאַר אַלע פרוכט, וואָס דו
האָסט מיר געגעבן, קער איך אום דיר דאָס
צוריק. — נו, צו דערווילדערניש.

עדה בויגט זיך אָן און קושט הבלס קערפער.

עדה

כ'איז דיר באַשערט געווען אַ שרעקלעכער
און אַ פריצייטיקער משפט, ברודער!
פון אַלע וועלכע טרויערן נאָך דיר
דאַרף איך די איינציקע נישט וויינען גאָר.
מיין חוב איז טרערן טריקענען פון איצט
און ווייטער, און נישט צו פאַרגיסן זיי;
דאָך טרויער איך פון אַלעמען פיל מער,
נישט בלויז נאָך דיר אַליין, נאָר אויך נאָך אים,
וואָס האָט דיך דאָ דערהרגעט. איצט, מיין קין,
וועל איך די לאַסט מיט דיר זיך טיילן.

קין

צו מזרח זייט פון דעם גן-עדן וועט
זיין אונזער וועג; ער איז דער וויסטסטער פון
די אַלע, און ער פאַסט פאַר מיינע טריט.

עדה

נו, גיי פאָראויס! דו זאָלסט מיין פירער זיין

און גאָט זאָל דיינער זיין! נו, לאָמיר איצט
די קינדער נעמען, מיטטראָגן מיט זיך.

קין

און דער, וואָס ליגט דאָ, האָט קיין קינדער נישט
געהאַט. איך האָב פאַרטריקנט דאָך דעם קוואַל
פון אַזאַ פיינעם, פריינדלעכן געשלעכט,
וואָס וואָלט באַצירט דאָ היינט זיין הייראַטס-בעט,
און ס׳וואָלט דאַן איינגעשטילט מייןווילדע בלוט, —
מתחתן זיין די קינדער אונזערע
מיט הבלס שטאַם! אָ, הבל!

עדה

זאָל פרידן זיין מיט אים!

קין

און וואָס מיט מיר! —

זיי גייען אַפּ.

פאָרהאַנג